STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01774

MIT OPGEBRITE FINGER

Leibl Kupershmid

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייבל קופערשמיד

☆

מיט אָפּגעבריטע פינגער

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף
פון יידישן שרייבער־פֿאַראיין אין ישראל

לייבל קופּערשמיד

מיט אָפּגעבריטע פינגער

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תל־אביב, תשל"ה — 1975

Leibl Kupershmid

MIT OPGEBRITE FINGER

I. L. PERETZ Publishing House
31, ALLENBY St. TEL-AVIV

פאַרלאַג י. ל. פּרץ

תל־אביב, רחוב אַלנבי 31

©

נדפס בישראל תשל״ה

Printed in Israel 1975

דפוס „אור״ בע״מ, שד׳ הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481

דאָס געיאָגטע וואָרט

דאָס געיאָגטע וואָרט

איך זוך
אַ פריש און צילעוודיק וואָרט
פאַר אַ חנדל אין בוך,
איך דאַרף
אַ גראַמישן „ליעטניק"
פאַרן קראַנקן און נאַקעטן מאָרד.

אַז ס'איז עמעצן אומרו באַשערט,
בייטן אַ וואָרט
פאַר שלווה, פאַר ברויט —
שפרינג איך אַרויס פון דער הויט
אין געיעג נאָך יונגיטשקע רייד,
קיין מאָל נאָך נישט געהערטע,
ווי „שלום-זכר-אַרבעסלעך" זאָרגעוודיק איבערגעקליבן,
נאָך נישט פון קיינעם באַשריבן.
ווערטער וואָס שמעקן
מיט נעגעלעך, צימרינג, זאַפרען.

ס'גייען מיר אין לעבן
די פערזן און יאַמבן,
מעטאַפאָרן,
זאַצן.

צאַרט־קלינגעוודיק, אַשיק
אין דער נאַכט פונאַנדערגעשפּרייט
נעמט מיין ווערטעלע,
דרייט אוים דעם דאַשיק
און מאַכט פון מיר פּליטה.

קלעפּ איך מיין לידל
אַריין מיט מיין בלוט אין מיין בוך
און ווי אַ קלאַנג וואָס פליט אַפּ
פון אַ פידל —
מיין וואָרט פליט אַוועק
פון אימה־געיעג.
ריים איך זיך אַפּ
צעיושעט און בלינד
אין נשמה־געפּאַך
און לויף אין איין אָטעם אים נאָך.

הערט דער זילב אין מיין רוף
אַ ריטש פון אַן עס־עס
אַ פאַרמונדירטן אין זשאַווער,
מיט צעיושעטע הינט,
מיט אַבלאַווע.

איך וואַרף מיין גוף
אין געיעג נאָך ווערטער,
אַליין געיאָגט און פאַרפּייניקט.
ווער וועמען יאָגט?
ווייסט גאָט אַליין.
דאָס וואָרט שפּרינגט אַוועק
איבער שטאָק, איבער שטיין.

הייב, נאַרישער דיכטער, די סטאַפּעס,
פּאַטש מיט די לעפל!

כ׳בין דעם הייליקן חושך מחלל
און אין איין וועגס בין איך מתפלל
צו די טויִקע ליכטלעך
פונעם רויִקן פליין.

מיין תּפילת-הדרכל,
טל-ומטרדיק קליין.
שעפּטשע איך שטיל,
ווייל חוץ געבעט —
קאָנען די טויען-ליכטעלעך
קיין זאַך נישט פאַרטראָגן.
איך שעפּטשע שטיל,
דאָס געיאָגטע וואָרט
נישט מער נאָך צו פאַריאָגן.

און פון וואַנען איז געדרונגען,
אַז איך בין נישט דאָס וואָרט אַליין,
דער מרחק און די פינצטערניש
און אויך די שרעק,
וואָס לויפט אַוועק
פון זיך אַליין?

אַ געדעכעניש בין איך,
אַ רמזדיקער פליסטער,
אַ יִדישער ביבולקע-מאַנוסקריפּט,
אַן אַרויסגעזאָרגטער
פון דיכטערס הונדערטער שופלאָדן.

דער סקעלעט מיינער איז
אַ כּוס-של-ברכה,
דוכזעיִק און קרישטאָליק.
אַ בשורה-גאַסט אויף אַ ביאַלער חתונה,
אַ יום-טוב אין דער וואָכן,
דער זיסער קידוש-ווײַן,
האַלב אויסגעטרונקען, האַלב פאַרגאָסן.

אפשר באַהאַלטן די ווערטער זיך אויס
פון מיין וויסטן געיעג?

דער מרחק בלייבט אומפאַרענדערט, —
אַן איבערגעהאַנגענער גוואַלדרים
תּהומותדיק ברייט
און אַלע וועגן פאַרפירן.

דער אָטעם פון חזן האָט געטריבן
די פלעמלעך אַוועק פון די ליכטער
אין דער נאַכט פון כּל-נדרי,
און מיך טרייבט אַן אויסגעלאָשענער נר-תּמיד
מיט זיינע בראָנדזענע הירשן,
צעבראָכענע חוט-השדרות.
די בלוטיקע דייטשע הידרע
האָט אים, ביינאַנד מיט פאַרדביקותטע לערנערס,
געשליידערט אין שייטער.
זיי שפּאַנען אַן די ליכטיקע צווייגיקע הערנער
און לויפן צעשטראַליקטע ווייטער.

די הירשעלעך לויפן מיט צווייגיקע הערנער,
צעבליט מיט ווידוי פון קידוש-השמיקע לערנער.

ווערט אין גאָרגלרערעלע
אַזוי ענג,
אַזוי ענג
און דער אָטעם, ווי אַ פעדעמל דין,
רינג-קרייזלדיק,
אַ דערמאָנונג בלויז,
פייף איך מיר פונעם רערעלע אַרויס
אויף אַ שברים-תּרועהדיק קולעכל
אַ וואָלעכל
פון גאָרגלען מיליאָנען
איבערגעשניטענע.

— — —

הערט דאָס וואָרט פון דער ווייט —
נגינה:
אַז דאָס יעגערל שפּילט
איז אים פריילעך,
איז זאָל זיין געבענטשט
די הייליקע רגע פון רו
און — שטיל אַזוי
שטאָפּט זיך מיר צו
דאָס דינינקע פייפעלע.

קיין מי נישט געשפּאָרט
מיין נאַקעטע פּיין פאַרהלבשען.
זיך געיאָגט נאָך אַ וואָרט
און פאַרלוירן דאָס לשון.

פלעמלעך אין דער נאַכט

פלעמלעך פון לאָמטערנדלעך, פון ביבולע־פּאַפּיר,
פלאַטערן אין שטעטל אום פאַרלוירן און פאַרוווירט.
לאָמטערן־האַרמאָניקלעך צעפּאָלדיקטע אין נאַכטווינט קלאָגן
נאָך די חדר־ייִנגלעך זייערע, וואָס וועלן זיי מער נישט טראָגן.

אַ ליכט־קלאַנג, אַ האַרמאָניקל, מיט מילדשיין
ווייך אַרומגעוואַשן,
זוכט דאָס קליינע תּלמידל פון חומש און פון רש״י.
אַ חומש־ייִנגל ווײנט אינעם נאַכט־חושך פאַרנורעט:
— ואני, כאָטש איך בין דיך מטריח מיט מײַן קבורה —
(איין ליכט־פלעמל צאַפּלט אויף — דעם ייִנגלס שטים
דערקאָנט),
אָבער מיט דײַן מוטער רחל האָב איך אַזוי נישט געטאָן.

ווייסע ליכט־האַרמאָניקלעך בלינצלען אין דער נאַכט
און זוכן זייערע חדר־ייִנגלעך אין טרעבלינקע אומגעבראַכט.
זעען זיי אַ געקאַרטשעטן מיך אין אַ ווינקל שטיין,
באַפּאַלן זיי מיך ציטערדיקע מיט זייער שטום געוויין.

לויף איך אַ צעממיתטער, געבייטשט פון זייער שרעק,
פאַרפלעכטן זיי פון זיך אַ קייט און פאַרצאַמען מיר דעם וועג,
פאַרפרעסן זיי מײַן נאַקעטקייט מיט קאַלטע רינגען פּײַן,
הער איך זייער יתומים־יאָמער אין מײַן בלוט אַליין.

און אַנשטאָט פלעמלעך ווייסע — חדר־ייִנגלעכס טרערן
פלאַטערן אין געסעלע — אַ פאַרסאַזשעטער לאָמטערן.

פאַרברענטע ייִנגלעך לערנען שיעור

דינע רויך־קרייזן, צעשויבערטע, רונדע פייערלעך —
יונגע בני־תּורה מיט פלאַקערדיקע פּיאהלעך —
זיי שאָקלען זיך דביקותדיק אין נאַכט־חושך, פאַרטיפטע,
די לומדימלעך, די קליינע, פון מיין שטעטלשער „מתיבתּא".
ראשי־ישיבות פון זעקס יאָרהונדערטער פאַרלאָזן
זייערע קברים
און קומען צו די מתמידימלעך פון ישיבות און חדרים.
די גמרא־קעפּלעך — אָפענע, אין שטיין־קאַנטן צעשמעטערטע,
זיי לערנען פון זכּרון, ווי פון ווילנער ש״ס צעבלעטערטן.
דער ניגון פלאַמט אויף פּנימלעך, ווישט אַראָפּ די סכּנות,
זיי זענען מעין אין דער משנה די דינים פון קרבּנות.
שימעלע, מיין שוועסטערקינד, דאָס שלאָפראָקל צעשטראַלט,
שנעלט יונהלען אין שטערן און פרעגט אים ווו ער האַלט.
יונהלע, זיין ברודערל, ווישט מיט דער דלאָניע
דעם בלייכן שטערן —
דער פעטער מאָשקע־למדן דאַרף דעם שבת אים פאַרהערן.
ער שרייט: שימעלע, דיין כּלאַטעלע איז כּולו תּכלת בלאָ,
איז על פּי דין קיין חיוב פון קיין ציצית דאָך נישטאָ.
יעקב־יודל שוועבט אַהער, אַ רגע זיך פאַרשפּעטיקט,
דער קליינער משכּיל פליסטערט אַ פאָרמול פון אַריטמעטיק.
שימעלע פאַרשטעלט אים ס׳מויל: וועסט אַ מאָל אויפהערן?
בריינדעלע, דאָס שוועסטערל, גיט אַ טרונק זיי —
אַ שיסעלע מיט טרערן.
איין ברודערל טראָגט צו דאָס שיסעלע צו די ליפּן,
רויט צעפיבערט,
דער צווייטער בעט זיך: לאָז מיר אויך אַ ביסל איבער.

בריינדעלע שטילט צאַרט זיי איין: וואָס זשע דאַרף
מען שרייען?
וועל איך וויינען נאָך אַ ביסל, וועט פאַר אַלע סטייען.
קינדער דאַרפן לעבן צווישן זיך בשלום...

ווי, מיר זענען ווידערשיינען פון אַ ווייטן בלאָען חלום.
זיי בעטן זיך: שוועסטערל, כאָטשבי נאָך איין טרער!
נאָר זי, אין לבנה־ליכט צעשוווּמען, ווייזט:
איך האָב נישט מער —
ברידערלעך, איר זענט אַ סך און איך בין נאָר איינע.
איר בליק צינדט אָן מיין פּנים: אָט ווער ס׳דאַרף
אייך באַוויינען!
זיין אויג דאָס אָפענע איבער אייער גמרא־ניגון וואַכט.
זיין האַלדז, דער נישט דערשאָכטענער, פאַרמאָגט
טרערן נאָך אַ סך.

מיין צער — אַ ליכטל פאַר אַ גראָשן

מאַמע, דיין ליבשאַפט האָט איבער מיין צוקאָפּנס זיך צעוויגט,
און ווי אַ גליִענדיקער האָגל פאַלט אויף מיין געזיכט
דיין טרער.
אין קאָנוווּלסיע־פּיין אָן איך דעם טויט אין דיין
קיל־פאַרשטאַרטן בליק,
ווי אַ שאָף, ווען די וואָל ביים האַלדז באַרירן די קלינגלען
פון דער שער.

איך האָב אַ מאָל, ביז אין שפּעטער נאַכט אַריין,
פון אַלע זאַכן דעם עצם און באַשייד געזוכט.
ביי אַ גראָשנדיקן ליכטל כ'האָב געוואָלט דעם סוד
פון גרויסן ליכט דערגיין,
דורך די נסתּרדיקע אותיות פון אַ ייִדיש בוך.

דעמאָלט פלעגט דיין וואַרעמער פאַרדרוס פון דיין בעט
צו מיין טישל איבערפלאַטערן
און צערייסן די מחשבה פונעם בוך, וואָס איז געלעגן
פאַר מיר אָפן:
— וועסט, זון מיינער, ביי די טריף־פּסולען דיינע אויגן פטרן,
און נאָכן טאָג מאַטערניש דו לאָזט דער מאַמען
נישט איינשלאָפן.

ביסט פון בעט אַראָפּ אַ ווייסע און העפּטיקע —
אָן אָנגעצונדן ליכט:
— מיין אויג אין דיר איז וויניקער די ווערט פון אַ ליכטל
פאַר אַ גראָשן?

אַ קלונג געטאָן האָבן דיינע פינגער אויף מיין צוקנדיק געזיכט,
און דיין אָטעם־הויך האָט דאָס חלבענע ליכטל אויסגעלאָשן.

און אַז דו שטעלסט זיך היינט ביי מיין צוקאָפּנס
אין שטומען ווײי,
און דיין געוויין הייבט אָן צו בריִען מיין געזיכט —
מיט דיין פּאַטש אַמאָליקן דו צינדסט מיין פּנים אָן פון ס׳ניי,
און ווי אַ ליכטל פּאַר אַ גראָשן לעשט מיין צער זיך
אין דיין העלן ליכט.

אליהו הנביא אין ביאַלע־פשוט

די סדר-נאַכט אין דרויסן צינדט מיט לבנה-ליכט זיך אָן.
פון פעלדער קומט צו שפּאַנען דער נביא אליהו.

די גמרא זאָגט: אין זיין אָנקום הינטעלעך זיך שפּילן,
נאָר דאָ איז מלאך-המוות-גרויל פון טויזנט הינט, וואָס בילן.

אין וועלכע הייזער ייִדישע איז ער נישט געווען אין חצות,
און אין סדר-נעכט — נישט פאַרזוכט פון זיין כּוס?

פון די מעשה-ביכלעך ווייסט ער און פון קינדער
האָט ער געהערט,
אַז אויף יאַרידן איז ער מחויב צו רייטן אויף אַ פערד,

אין אַ פּויערישער סערמיעגע מיט אַ ברייטן סטאָן —
דאָס אַלץ האָט ער די קינדער צו ליב געטאָן.

אונדזער מלאך ליכטיקער אין טויזנטער געשטאַלטן
האָט נישט אין בלאָ, נאָר אין מענטשן-טומל זיך באַהאַלטן.

אַ קונצן-מאַכער, אויף יאַרמערק פלעגט ער פּויערים ווײַלן,
פאַר ייִנגלעך זיך אַנטפּלעקט און באַשווירן פאַר די טאַטעס
נישט דערציילן.

דעם מהר"ל פון פראָג האָט ער געוועקט און אַ שם
איינגערוימט שטיל אים —
פון ליים אַ גולם אויסצוקנעטן אַנטקעגן בלוט-בלבולים.

די מאַראַנענס ווענדן אויסגעקושט אין אונטערערדישע
טאָרטורן־צעלן
אין מערדערישן אינקוויזיציע־לאַנד פון פערדינאַנד
און איזאַבעלן.

אַ ליכטיקער אָפּלאַכער פון די גענצן שטיינערנע און ערדענע,
ער, דער פאַרשעלטער פון דער קיניגין איזבל
די נביאים־מערדערין.

איצט קוקט ער אין די פענצטערלעך אַריין מיט אַ פינצטער
געזיכט,
די יום־טוב־טישן פינצטערן אָן ארבע־כּוסות און אָן ליכט.

די קרישטאָלענע קאַראַפינקע אין מיסטווינקל פאַרשליידערט.
די אויגן טרערן, ווי מיין טאַטנס, ביים רייבן מרור פאַרן סדר.

די ווענט געשאָליעוועט און דאַך — אַ פאַרשאָלטענער מפּולת,
זיין כּוס אין די ציינער פון שיכּורים מיט גאַרגלדיקע קולות.

פּרצופים אויסגעקרימטע מייקענען מיט קללות אויסגעלאַסן,
און די יום־טוב־פרינצן אין דרויסן — אין קיטלען
פון לבנהקע אַטלאַסן.

זיי טויכן מיט דער ליכט דורך די לופטשיקעס אַריין
און גיסן אליהוס כּוסות אָן מיט ביטערניש און פּיין.

די כּוסות גאַליקייט זיי דערלאַנגען אליהון,
ער פאַרוואַרפט דעם קאָפּ און ליידיקט אויס זיי ביז די דנאָען.

אַ שיכּורער פון גיפט, וואַנדלט אום אין שטעטל ער:
— אַ נביא בין איך אייך? אַ וואָגלדיקער בעטלער!

אַ באַטרונקענער פאַרריסט ער ס׳פּנים קעגן דער לבנה
און הייזעריק ער זינגט: „קומם קהל עדת מי מנה״.

מיט אַ שטאַמלדיקן לשון ער ריכט דעם סדר אָפּ אויף יִדיש:
— קדש: אַז דער טאַטע קומט פון שול, ס׳ערשטע מאַכט
ער קידוש.

דאָ צעוויינט ער זיך אין דער בלאָטע, אַז איך זאָל הערן:
— קידוש — די קינדערלעך, חלילה, זאָלן נישט אַנטשלאָפן
ווערן...

איך בייג זיך אָן און שריי, ער זאָל אַ האַנט מיר געבן,
ער ראַנגלט זיך אַ העפּטיקער — וואָס נוצט מיר שוין
צו לעבן?!

— רבי — שריי איך — ס׳איז אַ חרפּה, דער צלם פון אונדז
לאַכט:
אַ ראַבין אין דער בלאָטע מאַדליעט זיך אין דער סדר-נאַכט.

— רבי, דו וועסט זיי נישט באַלעבן שוין מיט דיינע פּיין
און ליידן,
געדענק, מען וועט נאָך ביי דער נאַכט דעם האַלדז
דיר איבערשניידן,

און שעכטנדיק, נאָך חוזקן פון דיינע גרויל-עינויים
און צו מאַרגנס אונדז פאַרשרייען פאַר שוחטים פון נביאים.

נאָר ס׳שרייט דער „תשבי״ דער באַנומענער, מיט אויגן
ברייט פאַרגלייזטע:
— ווער ביסטו, הדיוט נישטיקער, וואָס טרייסטן וואַגט
זיין טרייסטער?

און ווער בין איך? אַ פּלג־גוף, אַ גרויער אַלטער שאַרבן,
לאָז מיך אין דער בלאָטע מיט אַ סדר־ניגון שטאַרבן.

איך הייב אים אויף, ווייל באַשירמען אים פון שטיינער
און פון שונאים,
אַ הייב — ער באַפליוכעט מיט בראַנדגאַל מיר דאָס פּנים.

איך טראָג אים אויף מיין קאַרק, געבויגן מיט פאַרקריצטע
ציינער,
מיין נביא דעם געשענדעטן, דעם באַוואָרפענעם מיט שטיינער.

ער ראַנגלט זיך אויף מיינע פּלייצעם און שלאָגט מיך מיט
אַ פויסט
און אַזוי טראָג איך אים אַ צעממיתטן פון שטעטעלע אַרויס.

פעברואַר 1948

מיין האַרץ — אַ געלעכערטע פּלייט

פאַר נאַכט, וועןביימער שעפּטשען „יזכּור" מיט
בלעטלעך שטיל
נאָכן טאָגליכט — זייער זוניקע אבדה,
קומט דער בלענדעווער רבי, ר' שלום מאיר יחיאל,
קיין ביאַלע-פּשוט צו זיין געהרגעטער עדה.

גאָדל סטאָליער טויכט אַרויס פון דער שקיעה,
ווי פון אַ מקווה פון בלוט און פון פייער:
— שלום-עליכם אייך, רבי, געקומען זיך מיִען
די געשאָכטענע פון מערדערישן חלף אָפּצושרייען?

זאָל געבענטשט זיין דיין קומען, הייליקער רבי ומורי,
כ'האָב מיט פּיקוח-נפש צוויי ספרי-תורה באַהאַלטן.
זיי דו מיין בית-דין, כ'וויל מיט גאָט אַ דין-תורה:
ווענען זיינע הימלען פון שטאָל, וואָס אונדזער פּיין קאָן
נישט שפּאַלטן?

דער טאַטע מיינער, אין רבינס הויז אויפגעכאָוועט,
מוסרט דעם סטאָליער בר-מינן פאַר זיינע העזהדיקע רייד:
— מען דאַרף מקדש השם זיין ווי ר' אַמנון און בן-בבא —
זיין מוסר לעכערט דורך מיין האַרץ — אַ פול-חללדיקע פּלייט.

יוסף גלעזער, אַ צעווינטיקטער און ווי גלאָז, אַ דורכזיכטיקער
אַליין,
די אויגן — טליִענדיקע שטיקלעך האָלצקוילן — ער
פאַרטראַכט זיך.

ער פעדעמט מיין געלעכערטקייט אדורך מיט זיין צעשנירלטן
געוויין,
מיט א פרילינגדיקן שבת-פיוט: „ארבעה ראשי שנים
כבמחזה״:

מיט פיר יאראפשניטן האסטו אונדז דערפרייט,
דורך זיי זאלן מיר דיין הערלעכקייט דערזען.
יעטוועדע זילב ריזלט אין געביין — ווי פייער דורך א רער.
ווי א טראפן רעגן אין א בליצשטרייף איך צינד זיך פון
זיין ליכטיקן געבעט.
אין מיר שלומערן אלע יוצרות און פיוטים, וואס כ׳האב
א מאל געהערט
אין מיין שטעטלדיקער שיל מיט אירע פינעף הונדערט
„שטעט״.

הקליר, דער מקדש-מלך, הלוי און אר״י — דורך מיין הארץ,
לעכערדיק און אפן,
ציטערן פארביי — דורכזיכטיק בלאע שטראלן,
זיי ליכטיקן אוועק מיט יוצרות און תפילהדיקע סטראפן,
מיט געזאנגען פון ראש-חודש-בענטשן, פון גשמ׳ס
און פון טל׳ן.

די גאנצע שיל איז אין ניגון-ליכט געהילט
פון דער פארשניטענער קהילהס פיוטים און געבעט,
און אין מיטן — דער שטילער הספד פון דעם
בלענדעווער, ר׳ שלום מאיר יחיאל,
אויף דער וויסטער פטירה פון מיין שטעטל מיט אירע
פינעף הונדערט „שטעט״.

זכור־ברית

מיין שיל מיט תּפילות דורכגעזאַפּט,
האָט נאָך איר שמש יאָסל־מאיר געבענקט,
האָט זי מיין טרויער נאָך אים געשיקט
און פון טרעבלינקע צוריקגעברענגט.

האָט מיין ליבשאַפט צענויפגעשאַרט
זיין צעמאָלענעם געביין
און אין אַ האַרבסט־באַגין באַגלייט
קיין קליין־ביאַלע אין שיל אַריין.

שפּאַנט ער אין שטעטל, אַן אויסגעכּישופטער
פון בענקשאַפט, פון געבעט און טרוים.
קלאַפּט ער אין די פענצטער־לאָדן אַן —
זיינע קלעפּ פון מיינע שלייפן הערט מען קוים.

— שטייט אויף לעבודת הבורא!
נישט דער שמש — עס שרייט די פינצטערניש אַליין.
משה קאַצקער שווייגט ביים עמוד
אוים זיין ימים־נוראימדיק געוויין.

דורך די פענצטער האַלבררונדע פאַלן שטערנדלעך
אין שיל אַריין, אין הייליקן געביי,
ווי מטבעלעך יום־כּיפּור פאַר כּל־נדרי
אין קערות פון שוואַרצן פאַרצעליי.

דער שיל-חלל טוט אַ פליוכע-אויף
מיט אומרו, די שטילקייט פיבערט:
— זכור ברית אברהם ועקדת יצחק! —
עס זילבערט אויף דער מזרח-וואַנט דער טלית
פון שליח-ציבור.

— — —

דער באַגין זשעברעוועט די שטערן-מטבעלעך צענויף
מיט אַ זייל ליכט — אַן אָדערדיקע גראָבע פויסט,
און דערלאַנגט צו בלויקייטן די תּפילות דורכגעשטערנטע
פון חזן משה קאַצקער אין גאָטס פאַרשוועכטן הויז.

די פּאַרוויסטע שבת־מלכה

צו די שטיבלעך הילצערנע קומט מיין געהרגעטע משפחה
און פּאַרציט הינטער די לאָדנס שטיל: „אזמר בשבחין".
מיינע הייליקע נשמות מיט שרפה־ליכט באַקרוינט —
אין זייער דינעם פלאַטער די פּאַרוויסטע שבת־מלכּה וויינט.

אויף זייערע קעפּ ברענען ליכטיקע עטרות,
מיין טאַטע פּליסטערט: „שלום עליכם, מלאכי השרת".

זיין זמר קרישלט זיך, און אין געבראָכענעם געהייל
זיינע הענט די בלינדע זוכן זיין ליכטיקע אשת־חיל,
די, וועמען די השגחה האָט פאַר זיינע גורל־טעג באַשערט
פּערציק זון־אויפגאַנגען פאַר זיין ערשטן קינדגעוויין
אויף דר'ערד.

אין איר צאַרטקייט זוניקער האָט גליַיִק זיך געקלאַמערט
זיין לעצטער ווידוי־זילב אין דער פאַרגאַזטער טויטן־קאַמער.
צו אים געזונגען האָט פון אויפגעראַלטן ליילעך פייער
איר כּלה־חן פון אונטער דער חופּה אינעם ווייסן
חופּה־שלייער.

ווען זי האָט צום שבת־טיש מיט מילדקייט און געזאַנג
שבת־כּיבוד פאַר אורחים דערלאַנגט,
האָבן שעמעוודיק געציטערט אירע בלייכע פינגער דינע,
אין זייער נע־ונד האָט זי געזען דעם גלות פון דער שכינה.

אין מיין חושך טויכן אויף די פייערלעך־היימישע געזאַנגען,
וואָס זענען מיט מיין טאַטע־מאַמע אין וויסטעניש
אַוועקגעגאַנגען,
אין איינעם מיטן שבת־קודש און מלאכים — זייערע
ליכטיקע באַגלייטער —
האָבן זיי זיך אַוועקגעלייגט אויפן ברענענדיקן שייטער.

די פלאַמען אָפּגעגעבן האָבן זיי, מיינע נאָענטע און טייערע,
די אייגענע נשמות באַנאַנד מיט זייער נשמה־יתירה.
זייערע בליקן שטראַליקע — סטרונעס פאַרצויגענע
אויף לירעס,
ציטערן מיט מיין מאַמעס ליבשאַפט און מיין טאַטנס זמירות.

די געוויינען פון מיין אָרון־קודש

עס וועט די צייט — אַ ים אַ טיפער — פאַרשלינגען
מיינע ביינער,
אַ פאַרזונקענער, וועל איך מיין האַרץ פון פּיין און טרוים
באַפרייען.
נאָר אין דער טיפעניש אין מיר וועט סיי ווי אַלץ נאָך וויינען
פון דורות ייִדענעס — ביים אָרון־קודש די וויי־געשרייען.

אויף מיין האַלדז האָט דאָס מעסער אומקום אויפגעשריבן,
אויפן שילהויף מיינע ספרי־תורה חושכן פאַרברענט.
נאָר די ייִדענעס געשרייען זענען אינעם אָרון גאַנץ געבליבן,
ווייל דאָס פאַרזעעניש האָט זיי פאַרברענען נישט געקענט.

זיי קלאָגן „איכה״ איצט אין שיל, די ייִדענעס, די טריט
אין חושך־שוואַרצע זאָקן.
זיי וויינען אוים מיט הענט פאַרבראָכענע פאַר זין און
אייניקלעך, וואָס זענען חרוב און פאַרביי,
פאַר זייערע קינדער און משפחה־אייגענע מסוכּנע
אויף מאָזלען און אויף פּאָקן,
זיי וויינען־איבער די אַמאָליקע געוויינען פון דאָס ניי.

פון מיין קליין־ביאַלער אָרון־קודש דאָס צעריסענע געוויין
טראָגט אַלץ זיך נאָך צו מיר פון הפקרדיקן קלויז.
אין די טעג פאַלט עס, ווי אַ שטיין, מיר אין קאָפּ און
אין האַרץ אריין,
און אין די נעכט קלאָגט עס מיט „איכה־ניגון״ פון מיין
ענגן האַלדז אַרויס.

מיין מאַמעס לעצטע תפילה

דער טאָג איז אַפּגעגאַנגען בלוטיק־רויט פון אַלע וועגן
און פאַרן אונטערגאַנג, אַן אַנגסטיקער, מיט אונדזער פענצטער
זיך געזעגנט.
האָט די שקיעה זיך צעוויינט אויף מיין מאַמעס ווייס געזיכט
און אויסגעצאַנקט אויפן פלעמל פון וועקסענעם
יום־כיפּור־ליכט.

האָט די מאַמע מיט די הענט דאָס ליכטפלעמל צאַרט
ארומגעגלעט
און די אויגן צוגעדעקט באַליכטיקט מיט געבעט.
— צו די שערי־רחמים מיין תחינה לאָז פאַרשוועבן,
אַז איך זאָל דעם טויט פון מיינע קינדער נישט דערלעבן.

אירע זין די פאַרטריבענע געטוליעט האָבן זיך צו איר
וואַקלענדיקן שאָטן,
בעת איר תפילה האָט אויפן ציטער־פלעמל אויפגעזאָטן,
ווי דורך דער טיגל־שטאַרץ אַ טראָפּ דעם אויסגאַנג זוכט
און זידט אויף דער פּליטע אויף פון דער אַנגעגליטער קיך.

— שטראָף מיט אַלע שטראָפן מיך, מיין שופט און מיין האַר,
נאָר פרוּוו מיך נישט מיט דעם טיפסטן און
אויסטערלישסטן צער
פון אַ צווייג, דורך דיר באַשאַפענער, אַן אומפאַרשטענדיקע,
אַ בלינדע,
וואָס יעדן הארבסט דערלעבט דעם טויט פון אירע
בלעטער־קינדער.

אַז די תּפילה פון די וויִעס איז אויפן פּלאַם אַראָפּגערונען,
האָט דאָס פּלעמל זיך געוואָרפן און קיין אָרט זיך נישט
געפונען.
מיין מאַמעס טרער — אַ קליינער לאָגל, איבערפולט
מיט שקיעה-שיין,
האָט נישט געוואָלט דערלעבן, ווען איר ליכט
וועט אונטערגיין.

בעטגעוואַנט אויפן גוייִשן מאַרק

די בעטגעוואַנטן — דורכגעזאַפּט מיט ייִנגלשע טרוימען
און מיידלישע פאַרלאַנגען.
יעטוועדעס פוך־פעדערל איז זילבער־פלאַמיק אין זייער
פרילינג אויפגעגאַנגען
מיט באָבעס תפילהשן געפּליסטער צום אַלזעעוודיקן האַר
און וועכטער
נאָך לייטזעליקייט און מזל פאַר אייניקלעך און בלײַענדיקע
טעכטער.
די פעדערלעך, ווי שטערנדלעך צעשימערטע אויף זקנימס
טונקל־סאַמעטענע קאַפּלען,
פאַרנומען האָבן די צעפּיבערטע פאַרגאַפונג פון קינדערס
איינגעדרעמלטע שוואַרצאַפּלען.
מיט וויפיל טרויער, ליבלעכקייט און בענטשונג
און יונגמיידלישע באַגערן,
פלעגן קישנס און פּערענעס זיך אַנטרינקען ביז צום
פאַרכליניעט ווערן!
איצט גלײַען זיי אויף די מערק — שקיעות בלוטיקע
צעברענט —
מיינע קישנס יתומדיקע, אויסגעטאַפּט פון פאַרשוויצטע,
פעטע הענט.
— ביליק קויפט! — שרייט אַ שיכּורער דער מאַרקשטייער.
מיינע תחנונים און ליבשאַפטן פאַראומווערדיקטע, מיינע
טלײַענדיקע שטיקער פייער,
מיינע שוועסטערנס באַגערן, מיינע זקנימס יציאת־נשמה
בקדושה וטהרה
בלוטיקן געלעסטערטע אויף האַנדלסמערק, באַזאַרן.

פאַראַרעמטע

אַ מאָל אין א פרילינגדיקער שלווהדיקער שעה,
ווען די ערשטע ליבשאַפט האָט מיך אין איר
פאַרצויבערטקייט געפאַנגען,
האָב איך געטרוימט צו זיין אַ קאָרנבלימל נידעריק און בלאָ,
צווישן הויכע און גערדיכטע קאָרנזאַנגען —

אַ קאָרנבלימל צווישן זאַנגען שטאָלצע אין רחבותן צעזייט.
מיין ליבשאַפט האָט אין מיר געזונגען — אַ פאַרטרויערטע
ציקאַדע.
דער אומעט האָט מיט זילבערטוי באַלויכטן מיין שטומע
איינזאַמקייט,
ווי דעם פאַסטעכס בליק באַלויכט דעם פאַשע־שטח
פון דער סטאַדע.

ווען איך האָב מיין יוגנט־צער פאַרטרויט די פרילינגשע
פאַרטאָגן —
שוין דאַן האָט די פינצטערע רציחה געמישט די
טייטנדיקע סמען
נאָר אין מיין תמימות, כ׳האָב געמיינט, אַז מיר וועלן אַלע
פחדים איבערטראָגן
און נישט אומפאַלן אין אונדזער פאַרוואָרצלטער
גערדיכטעניש צוזאַמען.

אין שאָטן אַ פאַרבאָרגענער, איך האָב מיט זייער בטחון
מיטגעבליט,
אין זייערע צעשויבערטע ריקודים איך האָב מיין בלאָע
פאַרב פאַרלאָרן.

ווי זים איז געווען מיין שטילקייט אין שאָטן פון
זייערע טריט —
מיין עדה שטראַלעוודיק באַהאַרנטע, ווי ווייצן און ווי קאָרן!

וואָס האָבן זיי געהאַט, אחוץ די זון — זייער צאַרטע
טרייסטערין —
איבער זייערע קעפּ, געשמיסענע און באַליידיקטע
פון שטורעמס?
זייער עשירות איז באַשטאַנען פון גאולהשע חלומות און
משיחישער באַגייסטערונג,
אין זייער זוניקער געדיכטעניש איז זיי גרינג געווען די
פּורעניות און יסורים.

וואָס האָבן זיי געהאַט, חוץ די הפקרדיקע אָפנקייט פון
אומבאַשיצטע וועגן?
די ווייַנענדיקע שכינה אין די נעכט און לבנה-ליכט
אין זייער טרער?
האָב איך צו זייער עשירות בייגעשטייערט מיין ליד —
מיין אביונישן פאַרמעגן,
איצט זענען זיי פון אַלץ באַרויבט, און חוץ מיין פּיין
פאַרמאָגן זיי שוין גאָרנישט מער.

דערמאָנונג

דורך אַלע פאַרגעסונגען און פרידלעך־שטיפערישע סטראָפן,
ווי דורך אַ לעכערדיקן דנאָ,
קרעלט זאַלץ־שטויביק אין דער קעל מיין יזכור־ניגון;
ווען מיינס אַ משפחה־קינד האָט אין האַלבער נאַכט דערפילט,
אַז טאַטע־מאַמע איז אין אַלקערל נישטאָ,
האָט עס געוואָרפן זיך אין וויגל
מיט אויגן אָפן,
און בשום אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן.
אין גראָער זקנה־צייט,
ווען לעבנס זענען אויסגערונען אַ טראָפן נאָך אַ טראָפן,
געפיבערט אויפן טויטן־בעט מיט זילבערדיקע שאַרבנס,
האָבן זיי מיטן מלאך־המוות ביים צוקאָפּנס
מיט העפטיקייט אוממעכטיקער זיך געווערט;
אַז זיי האָבן דאָס געוויין פון קינדער אין דער שטוב דערהערט,
זיי האָבן זיך געוואָרפן און נישט געקאָנט אָפּשטאַרבן,
ביז מען האָט זיי נישט געלאָזט אַליין.
איצט קומען זיי צו מיר — יונג און אַלט, און גרויס און קליין,
מיין נאָענטקייט לאָזט זיי נישט אַנטשלאָפן ווערן,
און שווער איז זיי צו שטאַרבן, ווען מיין שטיל געוויין
זיי הערן.

די זון — אונדזער פֿאַרמעגן

מיט אָפּגעבריטע פינגער מיר ציִען ארויס אונדזער ליכטיקן
פֿאַרמעגן —
די זון — פון רויך און סאַזשע-געדיכטעניש אַ צוגעשאָטענע,
ווי פּאַסטעכער פֿאַר זייערע קינדערס וועגן
ציִען פון פעלדשייטער אַ קאַרטאָפל אָפּגעבראָטענע.
די פונקען ארויסגעשפּרונגענע פון אונדזער היימיש פייער,
זענען זריעה-קערנער, וואָס וועלן איבער נאַכט געדייען
און אויפגיין מיט ווייסער פריייד, שטויביק העל —
מיט מאָרגנליכט — פון צעמאָלן ווייצנמעל.

מיין זיידע

מיין זיידנס קאָפּ האָט צווישן וואָלקנדלעך געשוועבט,
ער איז געווען אַן אָרעמאַן, אַ דעמבענער, אַ יוסטער.
קיין שום דאַגות האָבן זיך נישט צוגעקלעפּט
צו שלמה־יצחקן, דעם אַלטן, הלצהדיקן שוסטער.

די נויט האָט פּאַר גריזאָטע דאָס הויזגעזינד געשטיקט,
צעריסן די מלבושים, און ס׳געפּעם — מיט ברוד פאַרגאָסן.
דער אַלטער האָט אויף איר אַפילו זיך נישט אומגעקוקט.
און דאָס האָט זי באַליידיקט און פאַרדראָסן.

ווי קומט אויף אָט דעם באָדן אַזאַ קוואַלעוודיקע פּלאַנץ,
מיט ברוינער באָרד און אַ צעפּאָרן סאַמעטן קאַשקעטל?
איין ווינטער האָט ער — אַ יאָ צי נישט־געבעטענער —
געטאַנצט
אויף פינף און צוואַנציק חתונות אין אונדזער שטעטל.

אין גרעסטער ענגשאַפט איז געגוג געווען אַ זונען־צערטל,
אַ „גוט־מאָרגן" פון אַ פויער פונעם שכנותדיקן דאָרף.
אַרויסגעלויכטן האָט פון אים דער שפּאַס און דאָס
גלייכווערטל,
ווי ס׳ווינקענדיקע רויט פון צווישן שוואַרץ־רויכערדיקן טאָרף.

דער אַלטער שוסטער האָט אַרויסגעקאָלערט זיך פון נויט,
ווי פון די בלאָטעס — שווערע, זינקענדיקע רעדער.
געווייצלט האָט ער זיך, ווען פון אים די לעצטע הויט
האָט אָפּגעשונדן דאָס שווינדל־סוחרל פון לעדער.

מיין פאָטער דער צוקערלעך־מאַכער

מיין טאַטע האָט געאַרבעט ביי לעקעכלעך און לאַנדרין
און איז געווען אַ פאָטער פון פינף הונגעריקע זין.

ביז די מאַמע האָט איינגעשאַפט אַ טיטל צוקער אָנצוקאָכן,
זענען די אַפּלען איר פון די אויגן צען מאָל ארויסגעקראָכן.

ביז מען האָט צונויפגענומען דאָס ביסל זיסע מאַטעריאַל,
איבערגעגאַנגען איז אונדז טויזנט מאָל די גאַל.

דער טאַטע האָט אויף חגאות געמאַכט שעפּסעלעך און ציגעלעך,
וואָס זענען אַוועק נאָך ראָזשינקעס מיט מאַנדלען פון זיינע קינדערס וויגעלעך.

די שלאָפבאַנק האָט געקלעפּט מיט דער זיסקייט
פון לאַנדרינען,
און זומער־צייט פון בינשטאָקן פריצישע אהערגעלאָקט
די בינען.

אין יעדן ליכטיקן פרימאָרגן זיי זענען אָנגעקומען
און אָנגעזויגן זיך מיט בלוט, ווי מיט נעקטאַרן פון בלומען.

מיר האָבן אין דער פרי זיך אויפגעכאַפּט צעשטאָכן
און צעביסן,
נאָר אונדזער פריץ האָט געהאַט האָניק פרישן זיסן.

דער רויטער האָניק האָט געשמעקט אים טעמדיק און וווּיל,
נאָר איך האָב יעדן טאָג זיך אויפגעכאַפּט מיט ביטערניש
אין מויל.

מיין טאַטע איז מעביר־סדרה

מיינע נאָענטע גייען אין מיין בליק אַריין, ווי אין אַ רעמל,
פֿון טאָגליכט דינער און פֿון אָונטווינטעלע נישט שווערער,
און וויינען פֿון מיינע וויִעס אַרויס מיטן ערשטן דרעמל.
מיינע אויגן־אַפּלען ווערן זעעוודיק־צעוויקלטע קאַמערעס.

זיי שלייכן פֿאַר מיין בעטל שטיל פֿאַרביי,
און שעפּטשען: „זיי אונדזער טרוים און שאָטן טריי".
כ'זאָל זייערע בלוטיקע פּראָפֿילן קלאָר זען,
מיינע וויִעס העלן אויף — פֿלעמלדיק־צעשפּיגלטע קלישען.

די ליבשאַפֿט מיינע, מיט נערוון, פֿלייש און בלוט באַדעקט,
מיין טאַטנס צעשאָטן און צעמאָלענער חוט־השדרה.
אַ פֿאַרזשמורעטער ער זעצט ביי מיין טישל זיך אַוועק
און פֿון דער פֿינצטערניש, ווי פֿון אַ תּיקונדל, ער איז
מעביר־סדרה.

אַ בעל־מקובל — וויל ער מיטן טויט נישט משלים־זיין.
ער פֿאַרטרויט מיר אַ „שם" כ'זאָל אַרויסציִען
פֿון אַש־באַרג אים.
מיין קעל צינדט זיך אָן פֿון זיין מיטנאַכטיקן געוויין,
און פֿון זיין שטילן ניגון „שניים מקרא ואחד תּרגום".

מיין מאַמעס בליק — אַ זיידן ציכעלע אויף מיין קישן.
איר גרינגער שאָטן דריקט מיין קאָפּ, ווי אַ שטיין, גענוויכטיק.
מיינע אַפּלען ציטערן — פֿייגל צעשפּרונגען אויף קלאַווישן,
מיין טאַטע נעפּלט אויס אין סיני־ניגון דביקותדיק און ליכטיק.

אָפּגענאַרטע לערן־ייִנגלעך

מיין ברודערל גדליה, דאָס שניידער־ייִנגל פון בזשעזשין,
האַלט אַלץ נאָך ביים פאַרענדיקן די לער ביי איטשע כייקעס.
דער עול יאָגט אים, ווען ער לויפט „נאָך אַ בזשעג
פון וואַטאַלין״ *
און יעדעס בלעטל פון דער מאַמעס סידור מיט זיינע טרערן
דורכגעווייקט איז.

אַ בעקער־ייִנגל, וועמענס נאָמען כ׳האָב שוין לאַנג פאַרגעסן,
אין לבנה־ליכט פאַרמעליקטן ער צאַפּלט דורך רוחיק שטיל,
בקרוב ענדיקט ער „דעם זמן״ פאַרן בלויזן ביסל עסן,
ער לויפט צום שכנותדיקן בעקער נאָך אַ „זעקעלע
מיט שוויל״. *

זיי פלאַטערן אַדורך און איך שריי זיי נאָך: וווהין ? !
זיי איילן שנעל אַדורך און האָבן נישט קיין צייט:
אַ טאָקערל לויפט נאָך „אַ פלאַסטערל צו דער מאַשין״, *
אַ שוסטער־ייִנגל נאָך אַ „קאַנטן־זאַצער צו דער
פאַלש־גענייט״. *

---

* „אַ בזשעג פון וואַטאַלין״, „אַ זעקעלע מיט שוויל״, „אַ פלאַסטערל צו דער מאַשין״, אַ „קאַנטן־זאַצער צו דער פאַלש־גענייט״ — דאָס זענען געווען אויסגעטראַכטע נעמען פאַר זאַכן וואָס האָבן נישט עקזיסטירט. ציניש̇ע גענזעלן אין די וואַרשטאַטן פלעגן שיקן נאָך דעם די נאַיווע אָנגעשראָקענע לערניינגלעך פון איין עק שטאָט אין אַנדערן צו זייערע באַקאַנטע קאָלעגן. יענע פלעגן אָנשיטן זעקלעך מיט ציגלברוך און שטיינדלעך און די ייִנגלעך פלעגן דאָס שלעפן צו זייערע „פּרינציפּאַלן״.

זיי לויפן, דער טויט האָט זייער איילעניש נאָך נישט
אויסגעראַטן.
זיי קוקן נאָך מיט קנאה צו די דערוואַקסענע געזעלן,
זיי בענקען נאָך די נייטאָרינס אין זילבערנע טריקאָטן,
די מאַמעס וואַרטן נאָך אויף זיי ביי נידעריקע שוועלן.

אויף נע־ווּנד

נישט אַרויסגעוואַקסן פון קינדער־לייבעלע, אַ קינד נאָך כּמעט,
כ׳בין פון דער היים אַוועק אויף נע־וונד.
די מאַמע, די אָרעמע פון דער גאַנצער רייכער משפחה,
האָט מיר מיטגעגעבן אַ שטיקל טרוקן ברויט און
אַ טרערנדיקע ברכה.

— למען־השם — מיר אָנגעזאָגט — פאַרליר נישט דעם בטחון,
און נישט פאַרגעס
מיין שוועסטערס, די מומע האָדעסלס אַדרעס.
זי באַהאַנדלט גוט די „מענטשן״, די פאַסלאַנצעס
און די שפינערס
דו וועסט ביי איר אַ תּכלית און אַ היים געפינען.

די מומע האָט מיך באַגריסט מיט עכטער מוטערלעכער פרייד
און אין ווינקל פון דער קיך מיר דערלאַנגט דעם ערשטן
מאָלצייט.
— אַ בחורל, אָן עין־הרע, כ׳וואָלט אין גאַס אָסור דיך
דערקענט.
ווי לאַנג, דוכט זיך נעכטן, כ׳האָב דיך געטראָגן אויף די הענט.

אַ מאַמע, מ׳שטיינס־געזאָגט, ווי לאָזט מען דאָס אַוועק אַ קינד
אויף גאָטס באַראָט ?
ווען דו ווייסט סאַראַ „היצלעס״ ס׳ווינען אין דער פרעמדער
גרויסער שטאָט,
סאַראַ פּאַסקודנע ברואים, כ׳זאָל נישט זינדיקן פאַרן האַר
אַלמעכטיקן...
און ווו וועסטו שוין היינט די ערשטע נאַכט איבערנעכטיקן ?

איך האָב זיך פון אָרט אַ ריס געטאָן מיט אַ ברענענדיקן
טעם אין קעל,
און ווי אַ מיאוסקייט דעם אַדרעס צעטראָטן אויפן שוועל.
איר מיטלייד האָט אַרום מיין האַלדז זיך געוויקלט
ווי אַ שלאַנג,
געוואָרגן מיך אַ גאַנצע נאַכט אויף דער פייכטער גאָרטן־באַנק.

ברוקאַרעס פון מיין שטעטל

עי, ברוקאַרעס שמואל-עליע און לייב-בער!
עס רופן אייך די דערוואַרגענע שאַסייען
פון הינטישן געוואָיע: „דויטשלאַנד איבער אַלעס" —
אייערע ברוק-פאַרגוואַלטיקטער פון קליין-ביאַלע.

פאַרדרענגטע אין די זאַמדוויגן,
זיי חלומען פון אייער תהילים-ניגון,
אויסגעסדרטע אין שורות — אַ שטיינערנע גמרא.
איר האָט אין זיי אַריינגעלערנט „מדרש-שמואל" מיט
„ברטנורא"
מיט גלייכווערטלעך דורכגעפלאָכטן.
זיי ליגן, פונקט ווי איר, אַוועקגעשאָכטן,
אין רויטער אָונט-ראָסע פייכט.
זיי וויינען פונם שלאָף און רופן אייך.
עי, שמואל-עליע און לייב-בער,
זיי שוויגן הויך און איך הער
די שטיינער-אותיות אין זאַמד-שורות פאַרגראָבן.
פונקט ווי איר, זיי ווילן מער קיין רו נישט האָבן,
און בלוטיקן מיט אייך אין איינעם אין יסורים.

— — —

די פאַרגאַווערטע שיכורים,
די חזיר-הענדלער אויף יאַרידן,
די שפעקולאַנטן מיט אויפגעכאַפּטע ייִדן,

די „שטאָט-ליקעם״, די פלינדערער פון אייער האָב
און פרייד, —

שענדן די קאַלטע נאַקעטקייט
פון אייערע שטיינער מיט נאַכטראַסע פאַרטרערט,
אַ ברוקאַרעם שמואל-עליע און לייב-בער!

באַלאַדע פון הויכן יצחק יעקב
דעם ברוקירער

נאָך איידער די רצועה־צייכנס אויף זיין לינקער האַנט
האָבן אויסגעפּלעמלט ביים אויפברוך פון באַגינען,
האָט זיך שוין צעשפּילט זיין ברוק־האַמער פון גאָלד
מיט די שטיינער — גלגולים פון דעם שטיין ביי יעקב אָבינו.

ווי דערציילט זיך עס דאָרט אינעם הייליקן רש״י:
גאָט האָט באַהאָפטן די שטיינער צוזאַמען
צו קילן דעם קאָפּ פון יעקב דעם פּליט. —
און אין מיין שטעטל אונטערן הויכן יִדם האַמער

האָבן זיי זיך ווידער צעבראָכן,
און די רויט־בלוטיקע שטשערבן — מיטן ווינטל געקילט זיך,
און וואָרעם אַזוי אין די זאַמדיקע גריבלעך
מיט יִדישע קינדערשע שמייכלען געשפּילט זיך.

אין פּרייטיק־צונאַכטסן האָט דאָס געזאַנג פון דער שיל
זייער קאַלטקייט געקושט אינעם זאַמדיקן קלעם,
האָבן זיי מיטן חזן באַלעבט מיטגעזונגען,
„מקולות מים רבים אדירים... אַדיר במרום אדושם״.

ר׳ יצחק יעקב דער ברוקער האָט מיט זיין גאָלדענעם האַמער
די שטיינער געלערנט פרום־יִדישע קלאַנגען,
זענען זיי שפּעטער נאָך זייער לערער דעם אַלטן
מיט טריט פון מלווים אויפן בית־עלמין געגאַנגען.

נאָר היינט שטאַרבן זיי אָפּ אין זייערע זאַמדיקע בעטן.
דער הייליקער ברוקער קומט צו זיי נישט צו גיין;
פון מיין קליין-ביאַלער שיל דאַוונט דער חושך אַרוים
פון די פּאַרוויסטע מתפּללים דאָס נישט דערוויינטע געוויין.

צו די שטיינער כ'פּאַל צו מיט גלייִקע קושן,
מיינע טרערן אויף זיי ווי שבת-ליכט ברענען,
נאָר זיי שלאָפן שוין טויט זייער שטיינערנעם שלאָף,
זיי קענען מיך נישט, און זיי ווילן מיך נישט קענען...

אַ לידל אויף דער גיך

דיכטער! וואַרף אַראָפּ די שיך
און שרייב אַ לידל אויף דער גיך.
כ'האָב אַ פעדער דיר געבראַכט —
פאַרקוילט, איינע פון אַ סך.
איין העלפט פינצטער ווי דער גרויל,
די צווייטע — ווייס ווי שניי —
ווינד איז מיר און ווי.

פעדערן, געפעדעמטע מיט ליד,
זיי האָבן פליגל-קנאָכנס אָפּגעבריט;
מיט אומרו דעם אָדלערם בענקשאַפטן באַדעקט,
צו ליכט-מרחקים אויפגעוועקט,
צעהאַנגענע איבער רוימען פריי —
ווינד איז מיר און ווי.

אַ בליץ פאַרחלפּט האָט די נאַכט
און דעם אָדלער אומגעבראַכט.
פליִען פעדערן פאַרברענט,
פון אַלע שאַנדן אָפּגעשענדט.
אַז די פליגל פליִען נישט,
איז דאָס לעבן ווערט אַ שפּיי —
ווינד איז מיר און ווי.

אַ פלאַקער־העמד

פלאַם-לייוונטן מיט צויטן, צעוויכערטע פון יאוש און האָפן.
די וועבפעדעם — קינדער-טרוימען אומזיכטיק און לייכט.
די ווינטן וויקלען זיי אַוועק צו מיין קאַשמאַר
אויפגעבראָכענעם און אָפן,
און באַנדאַזשירן מיין איינזאַמקייט מיט בלאָען מאָרפיום,
עטערדיק און פייכט.

דאָס פיבערדיקע פלאַקער-העמד טוט אויס זיך פון
מיין טאַטנס עולם-הזהדיקן עול.
מיין מאַמע לעבן אים אין אַ רויכיקן מושלין — אַ כלה
אין אַ חופּה-שלייער פאַרשעמט.
זי שרייט: משה! פאַרגעס נישט, למען השם, דעם לעצטן
„שמע-ישראל״!
און זי פאַרצירעוועט מיט איר שטראַליקייט זיין צעדריוולט
פלאַמען-העמד.

און דאָ דערמאָנט זי זיך אינעם פרילינגדיקן יום-טוב פּסח,
נעמט זי זוכן די לייכטערלעך אויף אָנצוצינדן ליכט.
דער טאַטע שרעקט זיך פאַר זיין קידוש-וויין, פאַר די
טמאימס „יין-נסך״,
און טרינקט אויס מיט אַ „בורא פּרי הגפן״ זיין יונגפרוים
ליבשאַפט אויף דער גיך.

צווישן אומבאַהאַלפענע

די כּל־נדרי־התעוררות גיסט אירע שקיעה־פייערן אַריבער
איבער די ראַנדן פון די שינדלדעכער.
דאָס שטעטל ווערט — אַ רויטער, איבערפולטער
קידוש־בעכער.
מיין מאַמע הילט איין איר תּפילהדיק סודותדיק געזיכט
אין אירע דלאָניעס, דורכגעליכטיקטע פון צעפלעמלטן
נשמה־ליכט.
אין אַ רגע אַרום זי דעקט צו מיין קאָפּ מיט אירע הענט,
פלאַקערט־אויף מיין לייב — אַ דאָרן, וואָס ברענט
און ווערט נישט פאַרברענט.
מיר גייען זאַלבענאַנד אין ווייבער־שיל אין אַ „פּאַטשוויל"
פון רויטער פּחדים־שיין,
און ס'ווײנט מיין שרעק פאַר איר הייליקייט אין איר
ניידן קלייד אַריין.
איך קוק אַראָפּ — דער טאַטע גליווערט אין כוואַליעט
פון „תּפילה־זכּה" אָפּגעגאָסן.
די מאַמע פליגלט זיין געבעט אַוועק אַהין, ווו די
שערי־רחמים ווערן קיין מאָל נישט געשלאָסן.

די ווייבער גאַפן אויף דער מאַמע דערשיטערט
און דערשטוינט:
— ביסט דאָך אַ נשמה־ליכט אין גאַנצן, ברײנדל־קרוין!
און ווען איך וויל אַנטלויפן פון שרעק און ליבשאַפטיקן
גרויל פון איר,

הער איך די ווייבערס ווינטשעוואַניע: זאָלסט זיין
צווישן די געהאָלפּענע!
דאָ ווערט די מאַמעס גוף אַ געשליפן קאַלטער מערמלשטיין:
— צווישן די געהאָלפענע? אַ ניין.
די טראַציקייט טוט פון איר מויל אַ רויכער מיט
גראַ־וואַכנדיקן רוף:
— אַ פערקאַל־כאַלאַטעלע פאַר אַ קינד קומט מיר אָן,
„קריעת־ים־סוף".
מיינע לייבלעך־נאָענטע באָדן זיך אין שווילטאָג
און אין שפּע,
און זייערע רחמנותן ווערגן זיך אין די קליידערשענק
אין נאַפטאַלינען איינגעשלעפּערט.

די מאַמע מיינע — מיין נשמה־ליכט — צינגלט צאַנקענדיק,
און מיין געוויין איז דאָס ווידערקול פון איר,
דער ווידערשיין געראַדפּטער פון איר — די אומבאַהאָלפנסטע
צווישן אומבאַהאָלפענע.

אונטער מיין ברודערלס וויגעלע

ס׳איז מיין לייב אַ געפאַנגעניש, די צונג מיינע — אַ ריגל,
איך ווערג זיך אַ געשלאָסענער, און קאָן זיך נישט ווערן.
איבער מיר, אין דער פינצטער, שוועבט מיין ברודערלס
וויגל —
אין זילבער־געצווייג פון פאַרגליווערטע שטערן.

צום וויגל כ׳צי אוים מיין צעפיבערטע האַנט
און ברי אָפּ די פינגער אין קלעפּיקער בראַנד.
די ווענט פונעם אַלקערל — אין פראָסט איינגעקנאָטן,
דאָס קישעלע פוכיק — אין שנייליכט און שאָטן,
אין באַוועגלעכן עיגול פון אייזיקער שיין —
אַ וויגעלע ווערגט זיך מיט קינדער־געוויין.

אינעם פלאַמיקן אייז — אַ פרויען־געזיכט,
און הענט, שבת־קודשדיק ביי צעפלעמלטע ליכט —
די הענט פון מיין מאַמען
שאַרן דעם יינגעלעס הערעלעך אָפּ פון די פלאַמען.

פון דער פרוי שטראָמט אַ ליכט, שטיל־צעהעשעט,
און פאַלט.
אויף דער פראָסט־שויב צעבליט זיך אַ זילבערנער וואַלד.
פונעם ליכטיקן וואַלד אין פלאַנטער־געצווייג
שפּרינגט אַ ציגעלע אַרוים און זיך צום יינגל פאַרנייגט.

געזעגנט מיין ברודערל, מיט פיין אין די אויגן,
זיין מאַמע־ליד, וואָס פאַרשווינדט פייל־אויסן־בויגן.
מיין ברודערלס טרערן־צעלויכטענע קערנערלעך —
גליִען אויפן ציגעלעס שווינגיקע הערנערלעך.

דאָס ציגעלע זוכט אינעם וועלדל אַ שטעלכל,
דאָס ציגעלע איז דורשטיק און זוכט ביים וואַלדראַנד
אַ קוועלכל.

אַ וואָלף איז אַרויס פונעם טרויס־וואַלד ביי נאַכט
און דעם ווייסינקן ציגעלע די אויגן פאַרמאַכט.

איך שאַל אוים אויף זיין האָרנדל מיין ליד און אַ ניגון
פון ברידערלעך קליינע, פאַרברענט אין די וויגן.

די שיל מײַנע ברענט

א

קלײן־ביאַלער שיל זיך װיקלט אין דעם בין־השמשות אײַן —
אַ ראָז־אַטלעסענע פּאַלדנדיקע הילע.
דער טאַטע מיט דער מאַמען, העשען אין מײַן קינדער־לײַב
אַרײַן
די יוצרות פון שחרית, פון מוסף און פון נעילה.

די דאַװנערס — דורכזיכטיק, פאַרגײַסטיקט פון װידויים
און אַנגסטיק פאַר „ונתנה תוקף" און פאַרמאַטערט
פון תעניתים.
ר' אַמנון, דער צעשניטענער, ברײט־מיך אָפּ מיט זײַנע
טויט־עינויים.
נשמות פלאַטערן, פאַרבאָרגן צװישן ליכט און שאָטנס
פון צעפּאַכעטע טליתים.

די װאַקסליכט־פלעמלעך צאַפּלען רויט, אומרויִק און צעװיגט.
אַרום מיר — דאָ אַהערגעקומענע פון יאָרן טויזנטער צוריק.

היות מיר זענען זײ מחיה־מתים אויף אַ יעדער חתונה, לװיה,
איז האָבן זײ אַ שװעב געטאָן צו אונדז פון בראַנד־ירושלים.

פון דער קרוינשטאָט ביז קלײן־ביאַלע, ס'איז פאָלג מיך
אַ גאַנג!
שלום־עליכם אײַך, אורעלטערן מײַנע, פרינצן פון נקמה
און געזאַנג.

זיי פאַרהעקלען זיך אין מיר מיט יעדן „אמן" פון אַ ייִדנס
וויינענדיקן אָטעם,
און פלעמלען-אויף אויף דעם „שוויתי" און אין יעדן וואָרט
פון די פּיוטים.

ב

יריעות אויפגעוויקלטע אין שוואַרץ און ווייס,
מיט אותיות ייִדישע פאַרקריצט אין דעם געפעלדז,
אין דעם געשטיין;
סיי שורות שטראָפרייד און סיי שורות טרייסט —
ביז העט אין מיין צוואַנציקסטן יאָרהונדערטער אַריין.

אַן אות אין פלאַטער — אַ נר־תּמיד אין דער חושכניש
פאַררעמט.
ס'איז פיין מיט פיין געזיווגט, אַן־חומרדיק, דורכוים נשמה;
ס'איז זייער תּפילה־זכה לויטער ליבשאַפט און קידוש־השם,
און זייער טרוים אין וויטקייטן אַריין — נקמה.

פון דרויסן פלייצן־אַן בראַנדז־געבראַזג און קופּער־קלאַנג,
געהירזש פון פערד און עיפּושדיק געזאַנג,
און צורות שיכּורע, און שליפּיעס געל־פאַרגרינט
פון האָרדעס ווילד־צעיושעטע — פון רוים און פון בערלין.

ג

פון פּורפּור — דער טוניק, דער העלם — פון גאָלד,
פון אייזן־ראָסט ברוינעם — דאָס האָריץ פון באַצווינגער,
די שטאָלקנעכט — באַנעגלט מיט קללה פון שטאָל,
און שווערדן — פאַרבלוטיקטע הינטישע צינגער.

די דורכגעננג — מיט שטעכדראָט געצוימט און געשלאָסן,
צום טויט בלויז איז אָפן דער איינציקער וועג.
די שטאָט איז מיט וויסטקייט און שוידער פאַרגאָסן.
שטורמיסטן־געטופּ און געקלימפּער פון „בעק״.

ד

אין שטילן ליכט עס צאַנקען־אוים און צינדן זיך די ראַנעס.
אַרום די ווייטע שרפה־ראַנדן — ציונס שלאַנקע צעדערן.
די תבואה־שפּייכלערס זענען ליער — איז גוזר תענית
דער זקן דער גרייז־גראָער פון די סנהדרין.

משמעות, אַז נישט אַלע דורכגעננג זענען שטרענג פאַרמאַכט;
אָט הער איך — הערצער קלאַפּן, וואָס אַן אמת —
נישט קיין סך,
נאָר דרייסט, און וואַגנדיק און וואַך,
און אויגן — וויינענדיק און אויפגעריסן־אָפן,
און יינגלעך, מיט דער מאַמעס מילך נאָך אויף די ליפּן,
רייסן זיך אין שלאַכט —
די אומשולד אין די בלאַנקע ציינער זייערע — דער
לעצטער וואָפן.

ה

לויט אַלע השערות האָט שוין לאַנג פון יהודה
נישט געדאַרפט איבערבלייבן אַ שטיין אויף אַ שטיין.
נאָר ס׳פּלייצט פון אומעטום די וואָלקנבראָך־מרידה,
פון הערצער אַרוים, אין הערצער אַריין.

ווער ראַנגלט זיך? ווער שלײדערט די פלאַמען?
אַ לאַנד ברענט אוים און ווערט נישט פאַרברענט.
און פון דער רויכן־כמאַרע — רחל די מאַמע
פאַרדעקט דאָס פאַרצאָגטע געזיכט מיט די הענט.

עס ווערן מאָגערער די פּנימער, דער שטיינער־ברוק
ווערט פעטער
פון בלוט און סאַזשע און פון שרעק און גרוילן.
זיי לעשן אוים זיך איצטער — אויפצופלאַקערן
אין יאָרטווײַזנטער שפּעטער — — — —
אין די געטאָס פון פוילן.

ו

אַ זעונג שוועבט איבער די שוואַרצע עיגויים.
עס שײַלן אַרוים זיך די טרוימער־נביאים.
זיי זענען — דער אײַל אין דער ייִדן־מלחמה.
זיי זענען — די ביינערם געשריי נאָך נקמה.

זייער שטים פליט איבער די שרפה־פאַרהאַנגען —
און לאָזן, ווי לופט און ווי ליכט, זיך נישט פאַנגען.

אויף מײַנע קינדערישע ליפּן שרפהט זייער „נחמו, נחמו עמי".
און כאָטש פאַראײַנזאַמטע, מיט יאוש דורכגענומען,
מיט אָטעמס אײַנגעקנאָטענע אין אָפּשײַן פון די פלאַמען —
זיי זינגען שטילע בשורה־לידער פון אחרית־הימים.

— — —

אַ, עדה ייִדן מיינע, רייסט אַ רגע איבער אייער תּפילה
און שווייגט, און הערט נאָר:
זיי ברענגען פון די חורבות אָנזאָג פון גאולה,
מיט אַ הייליק הויז, ביכּורים, און מיט עולה-רגל-גערטנער...
אַ זעונג אַ נביאישע און בשורות און — אוים —
און ס'ברענט מיין שיל פון בית-המקדש אַרוים.

האַרבסט־דערמאָנונג

די האַרבסטזון האָט איר שקיעה־פייער אין מיין
וואָגל־וואַנדער אַנגעוואָרן.
איר ליכט איז די צעריזלטע מגילה פון מיינע קינדער־יאָרן.

איך ווער פון די ערב־ראש־השנהקע באַגינענס מיט
שורשענדיקן בלעטערגאָלד באַרעגנט —
פון יענעם סאָד דעם פּריצישן, וואָס מיין טאַטע האָט
מיט דרייצן אַני־מאַמינס אָפּגעזעגנט.

דער מאַמעס שבת־לייכטערלעך קלינגען צו די ביימער:
זייט געזונט.
ווי! וויפיל ליכטפּלעמלעך אין אונדז האָבן זיך לעשן
נישט געלאָזט אין ווינט...

וויפיל ליכטיקע פאַרביסנקייט זיי האָבן דאָס אַריינגערינגלט
אין די ראָסע־טראָפּנס אויף די בלעטלעך,
אַזוי פיל פלעמלעך!
ווי אַלע שבת־ליכטלעך אין אונדזערע קליינע פרומע
שטעטלעך.

די פאַר־ראש־השנהקע פרימאָרגנס האָבן אונדז פון סאָד
אַהיימגערופן אין בענקענדיקן גלי, —
האָט מיין טאַטע די ביימער ליידיקע אָפּגעזעגנט מיט
ווײמוטיק־שטילן „אָף ברי”.

דיביימער האָבן אונדז אין זיך פֿאַריינגעפּלאָנטערט
און נישט געלאָזט אַוועק —
צוגעהיימישטע צו אונדזערע שבת-זמירות, צו אונדזער
פרייד, צו אונדזער שרעק;

צו מיין טאַטנס חצות-מעשהלעך, איינגעהאָרכט אין טיפֿן
שטוינען —
אין מיר וויינט אַצינד יעדער ציטער-שימער פֿון יענע
בלעטער-קרוינען.

עס ברִיען מיך אַצינד די דעמאָלטדיקע טוי-טראָפּנס
אויף די ביימער-בלעטלעך
און פֿאַרסאַזשען מיך מיט דער פֿינצטערניש פֿון די
שבת-קודש-ליכטלעך —
אויסגעלאָשענע אין מיינע טויטע, פֿרומע שטעטלעך.

ליד — אַ טויט־אורטייל

פאַר אונדזער „איכה", ווי פאַר אונדזער „שיר־השירים",
מיר שטעלן לייב און לעבן איין אין קאָן,
פאַר וועמען ליד איז —
פינגער פאַרבריליאַנטעוועט אויף לירעס
און חניפה־רום צו זאַט,
ביי אונדז איז ליד —
פון האַרץ פון אייגענעם
צוריק אין האַרץ אַריין אַ געשליידערטער גראַנאַט.

צי זינגען מיר באַרווּיקנדיק,
צי טרעוואָגע־וועקעריש —
קאַלטע לופעס קושן אונדזער שלייף,
אונטערוועלטיש און איזדיעקעריש.

מיר זינגען וועגן פרעמדער פרייד,
כדי צו פאַרטויבן די אייגענע נשמה־פיינען;
און וואָס דורכזיכטיקער עס איז אונדזער לויטערקייט —
אַלץ קויטיקער איז דער האַס,
געדיכטער און אומריינער.

צי זינגען מיר מה־יפיתדיק אין כאַרן,
צי זענען מיר איבער זיך אַליין
די פּראָקוראָרן
און מאַכן זיך אַליין צו שאַנד און שפּאָט

און ווערן פון דער הויט
דורך די נעגל אייגענע ארויסגעריסן —
ווען אפילו דאָס לעצטע שפּליטערל געוויסן
מיר שטעלן איין אין קאָן —
אַלץ איינס איז דער עשאַפאָט
אונדזער פאַנטעאָן.

ווער בין איך?

די פאַרשרפהטע באַוואַכן מיך אויף שריט און טריט —
כ'זאָל זיך פון פאַרצווייפלונג נישט דאָס לעבן נעמען.
איך טאָר נישט שטאַרבן ביז כ'וועל זיי נישט מזכיר־זיין
אין ליד —
מיט מיין טויט פריצייטיקן כ'זאָל זייערע טויטן
נישט פאַרשעמען.

אַלע זיי: שוועסטער, זקנים, קינדער, מאַמעס, פרויען,
נישט זיך אַליין, און אויך מיך, לאָזן זיי נישט שטאַרבן.
זיי, וואָס ווילן אייביק לעבן, גליִען מיין חזיון,
כ'זאָל זייער פאַרשניטנקייט מיט יללה־ליד באַפאַרבן.

דורך מיין פיין צעשריגענעם זיי באַגלייטן זיך צו דער
אייגענער לוויה,
מיט מיין מויל זיי זאָגן קדיש איבער זיך צוקאַפּנס
פון די גריבער,
און ווער בין איך? אַ מילב, מה אני ומה חיי,
פאַר וואָס האָבן זיי דווקא מיך פאַר זייער מקונן
אויסגעקליבן?

אַ קנס־מאָל

שאָטן־שפּיל אין איין אַקט

פּערזאָנען:
אַ יונגע חתן־כּלה פּאָר.
בדחן.
אַ נישט־געבוירן קינד.
אַ יונגער בחור.
אַ מחותּנתטע.
קלעזמער.
צוויי לעבעדיקע קינדער: אַ יינגל און אַ מיידל.
קרובים און פריינד פונעם יונגן פּאָר.

פאָרליד
דיכטער, שפּיל אויף.
נישט גלײַכע צוואַנגען די העלדזער אונדז שטיקן,
נישט נעפּלען ביי אונדז אין פאַראומערטע בליקן —
דאָס זענען רויכן פון פלאַמען איבער אונדז אויפגעגאַנגען,
דאָס זענען חופּות צעקנייטשטע איבער די קעפּ אונדז
צעהאַנגען.
מיט אונדזערע ליבסטע פאַרברענטע פון היימישע גאַסן
אונטער רויכיקע חופּות מירן זיך ווידער פאַרקנסן.
מחותּנים פון תּליות, פון פלאַמען און שייטערס
מיט בליקן, פון שרעק און פון אומרו באַפרייטע.
אונדז, די פאַרגעסענע, לאָזט אריין, לאָזט אריין
מיטן דרשה־געשאַנק — אונדזער וויי פון נישט זיין,
פון פרייד אויסגעשטראָכענע, מיר זענען נישט און מיר —
זענען,
אין פלאַם אויסגעלאָשענע — איר וועט אונדז אין בענקשאַפט
דערקענען.

אַ טרייסט און אַ האָפענונג, דיכטער, שפּיל אויף,
אונדזערע טייערע און נאָענטע קומען דאָ זיך צונויף.
זאָל דיין זינגענדיקער צער לויטער און העל זיין,
אַז די נשמות פאַרשניטענע דאָס ליד זאָל געפעלן זיין.
אונדזערע לייבלעכע ווילן פאַרגעסן נישט ווערן,
לאָז אין ליד דיינס דעם אָפּהילך פון זייער פאַרשווייגנקייט
הערן.

ביי נאַכט. אַ לייכט־שיטנדיקער שניי. אַ חרובע גאַס אין אַ קליין שטעטל. צעריסענע, אומפאַרמיקע ווענט זילבערן אַרויס, ווי שטיקער צעריסענע גלידער פאַרוויקלט אין באַנדאַזשן. שאָטנס פון פאַרברענטע יידן פליען אַריין דורכן קרומען פענצטערל־חלל אין דער חורבה.

ערשטער שאָטן:

זענען מיר, ברידערלעך, נאַקעט,
נאָך נאַקעטער ווי אין בראשית־טעג, אדם וחוה.

צווייטער שאָטן:

ווי תּרועות פונעם שופר־של־משיח
האָבן פון פייער אַרויס
מסוף העולם ועד סופו
געשאַלט אונדזערע גוססע קולות.

דריטער שאָטן:

אפשר די חתונה פראַוון דאָ אין באַשנייטן מפולת?

פערטער שאָטן:

לויט די מאַמעס און קינדערס געשרייען
איז דער תּכלית־היש און דער תּכלית־האין
פון פאַרוויכערטן הימל געוואָרן מיר נתגלה.

פינפטער שאָטן:
זענען אונדזערע פאַרשרפטע אברים
צום הימל געפלויגן.

זעקסטער שאָטן:
עמעץ וואַנדערט מיר דאָרט געהויקערט און שטום...

זיבעטער שאָטן:
דער אויבערשטער בלאָנקעט אין שטעטל אַרום.

אכטער שאָטן:
שוין לאַנג ווי דו ביסט מיטן בורא באַקענט?

נייַנטער שאָטן:
סאַראַ חילול-השמניק איר זענט.

צענטער שאָטן:
צמאה נפשי לאלהים —
דערקענט האָב איך אים
אין די טרערן די לעצטע
פון אויגן פאַרגלייזט
פון מיין צוואַנציקיאָריקער עקרת-הבית.
איידער דער פלאַם האָט די טרערן פאַרברענט,
זיי זענען אַרויף, אין רויט-פלאַם געהילט,
און אַנגעצונדן דאָרט גאָטס פאָטער-שטול
אין דער ישיבה-של-מעלה.

עלפטער שאָטן (שרייט אַראָפּ):
מחותּן, געפאַלענער רחום וחנון!
פלי אַרויף דאָ אַ ווײַלע,

מירן דיך מכבד זיין מיט ברכה
איבערן כּוס התּרעלה.

שאָטן פון בדחן (זינגט):
כּי שמחתּני ד׳ בפּעליך,
במעשה ידיך ארנן.
לכּבוד דעם בורא דעם קדוש וטהור,
לכּבוד דער יונגער דער הייליקער פּאָר
וועל איך גוטע ווערטער דערמאָנען.
ריין פון חטאים דורך שרפות און פּיינען —
וועל איך זיי אין בדחנות־חרוזים באַוויינען.
שאַ, זאָל זיין אַ ביסעלע שטיל,
דאָס געסעלע זאָל פון שלאָף נישט דערוואַכן.

שאָטן פון אַ יונגן בחור:
ווי איך פלעג אין געסעלע דאָ
מיט מיידלעך און מיינונגען שפּילן,
און שפּאַסן, און לאַכן!

צוועלפטער שאָטן:
און אַזוי יעדע נאַכט אָן אַ סוף.

דרייצנטער שאָטן:
פון אייער שקציש געלעכטער דעם שאַרפן
פלעגט דער בר־מצוהניק מיינער,
פון שלאָף אין בעטל זיך וואַרפן.

פערצנטער שאָטן:
פון די מיידלעכס געלעכטער
און פון די בחורימס ניגון

אין שלאָף פלעגן שמייכלען
מיינע קינדער אין וויגן.

ז

א שאָטן פון אַ קינד:
פון מחזורים צעבלעטערט
מיר פלעגן צוזאַמענשטעלן מילן
און אין גערטנדל דאָ
זיך אין באַהעלטערלעך שפּילן.

שאָטן פון דער כלה (זינגט):
אָב הרחמים שוכן במרומים,
פון קינדער פאַרברענטע דער אבי היתומים,
אוי וויי, מיר זענען שוין פאַרלוירן,
עס איז שוין גלייכער
מע ווערט נישט געבוירן.

שאָטן פון אַ מיידעלע:
מיין מאַמע איז אַוועק אין מארק אריין
נאָך מיין יינגעלע פון פוילן,
האָט דער מערדער זי געכאַפּט
און זי פאַרברענט אויף קוילן.
און אין אויוון נאָכגעוואָרפן
אַלע קינדער אירע קליין;
האָט דאָס פאַרבליבענע קעצעלע
אויפן פריפעטשיק געוויינט.

שאָטן פון בדחן:
עצבות איז נישט קיין יידישע מידה,
בפרט פאַר נשמות אָן בלוט און אָן גלידער.

(פּויזע)

זייט בעסער מקיים „נתון תתן״,
און לאָמיר דעם קאָפּ פון דער כּלה
מיט זילבערנע האָפן באַשיטן.

אַ זילבערנער שניי־שטויב ווינטיקט אַריין דורכן פענצטער, קרייזט אַרום און בלייבט גליווערנדיק הענגען אין דער לופט. אַ ווינט פּייפט אַריין דורכן אָפענעם דאַך.

אַ שאָטן פון אַ יינגל (זינגט):
אויפן בוידעם ווייעט דער דאַך
נאָך די אויסגעברענטע שינדעלעך,
אין די שטיבלעך וויינען וויגן
נאָך פאַרברענטע קינדערלעך.

שאָטן פון אַ קינד:
האָט מען פון וויגן אַרויסגענומען
די קינדערלעך די סאַמע שענסטע.

ערשטער שאָטן:
הער נאַר —
ס׳געפל ווייעט אַרויף צו אונדזער פענצטער.

צווייטער שאָטן:
נאַרעלע, ס׳איז דיין אייגן געוויין.

דריטער שאָטן:
ביי נשמות קאָן אַזוינס געמאָלט זיין —
דאָס געוויין זאָל נישט פאַרמאָגן
נישט קיין אויג און נישט קיין טרער —
און זאָל דערגרייכן צום אייגענעם געהער.

פערטער שאָטן:

אוי! מע קאָן טויב ווערן פון יאָמערלעכן געוויין
פון אָט דעם שטעטעלע, אין סוויוועס אַנגעקליידט.

פינפטער שאָטן:

עס בעט זיך אויף דער חתונה —
פאַרבענקט זיך נאָך די שטאָט-לייט.

שאָטן פון בדחן (שרייט אַראָפּ צום שטעטל):

ס'ט אפשר וויינען דאָרט אויפהערן!
היי, קלעזמאָרים!
אויפגעשפּילט זאָל ווערן
פאַר דער מחותּנתטע אַ שער!

עס הערט זיך אַ דינע הייטערע מעלאָדיע פון פידלען. אַ שנייקער הויקערדיקער סילועט שוועבט אַריין דורכן פענצטער — די מחותנתטע. זי שטרעקט אויס די ציטערדיקע הענט, וואָס זענען אַרומגענומען מיט אַ דינעם בלאָען נעפּל.

שאָטן פון דער מחותנתטע:

מיין טאָכטער,
מיין מוטערלעכער ציר,
ווען איך בין אין דעם גיהנום געוואָרן —
פלאָם,
האָט דער פלאָם געציטערט
אין בענקעניש נאָך דיר.
אַ מערכה, וואָס אונדזער בדחנס ניגון
האָט מיר אַהערגעבראַנגט.

שאָטן פון בדחן (צו זיך):

ווי ביי אַן עבד-כּנעני,
איז מיין אויער דורכגעבויערט

פאַר אַלעמענס געוויינען,
און איך אַליין —
ווי וויינען וואַלט איך גערן,
אוי, ווי גערן!
ווי פלאַקער־פייער ברענען מיך די טרערן,
נאָר געשיקט זיך דען,
אַז נשמות וויינען זאָלן קענען?

א שאָטן:
וואָס מורמלט ער, דער בדחן, דאָרט?

שאָטן פון בדחן (צו זיך):
ווי שטיינער האַרט און קאַלט,
דורך שטעך־דראָט־צאַמען
שיטן דורכן שטעכיקן געוויין
זיך דורך די קאַלטע גראַמען.

שאָטן פון אַ נישט געבוירן קינד:
אוי־וויי!
איך בין דאָך שוין פאַרלוירן,
איך וועל שוין קיין מאָל נישט ווערן געבוירן,
איך וועל שוין קיין מאָל אין קיין וויגעלע נישט וויינען,
און נישט קומען וועלן קינדערלעך
צו מיר אויף קריאת־שמע־לייענען.

שאָטן פון דער כלה:
די טראָפּנס בלוט פון מיין מיידלשאַפט אין מיר קלאָגן —
דאָס קינד אין מיין מוטער־טראַכט נישט אויסגעטראָגן.

א שאָטן:

ווען מען איז פון גשמיות אויסגעטאָן,
קאָן מען אויך פון צער נישט פּטור זיין?
פון גוף־לבוש אַרויסגעקליידט —
מיט גיהנום־ריטער שלאָגט אַלץ דאָס קינד מיט זיינע רייד.
אַפילו נשמות וויטיקן, שטום־פאַרלוירענע,
אין פּחדימדיק געוויין פון קינדער נישט געבוירענע.

שאָטן פון חתן (צו דער כלה):

כ׳געדענק נישט ווען ביים לעבן דיך
אין אַזאַ כּישוף־שיין.
דיין בליק האָט מיין נאַקעטקייט,
ווי דינער זייד, פאַרהילט.
דיינע פּיכטע וויִעס אין פּייער־גלי
זענען פונקט אַזוי,
ווי אַנטקעגן זונליכט אין באַגין,
פאַרבגעמיש אין מאָרגן־טוי
אויף די פליגל פון אַ בין.
דיין ראָז געזיכט אין שנייען־זילבער לייכט,
ווי צווישן טאָג און נאַכט —
די זון,
בעת זי שענקט דאָס בלוט אירס אָפּ
דעם וויסן וואָלקן אינעם טייך.

שאָטן פון דער כלה:

ווען נאָך מיידלשער ליבשאַפט אַ יינגעלע בענקט,
נעמט מען דאָס מיידל אַרום מיט הענט מיט הייסע —
מיט יינגלשע הענט.
אַט וואָס ראַזיקייט מיידלשע מאָנט —
מיט אַ קוש צינד מיך אָן.

שאָטן פון דעם חתן:

דעם קוש האָט די שרפה פון מיין מויל אַרויסגעברענט,
און עס שפּילט דער ווינט אין יאַגעלעך
מיט מיינע הענט —
דין צעשטויבטער אַש.

שאָטן פון דער כלה:

דעם זיסן רויט פון מיינע ליפּן
האָט דער פלאַם אַראָפּגענאַשט.
מיינע אַפּלען האָט די פינצטערניש
פאַרמאַכט אויף שלאָס און ריגלען —
ווערסט אין זיי זיך, יינגל,
מער נישט קאָנען שפּיגלען.
נישטאָ, נישטאָ שוין מער קיין העלע שפּיגעלעך —
ווי פייגעלעך, אַוועקגעפלויגן
אויף בלויע פלאַטער־פליגעלעך.

שאָטן פון חתן:

אויף די פינגער פון דיינע הענט,
ווי אויף זילבערנע קליינע מנורות,
מיין בענקשאַפט בלאַ־פלעמלדיק ברענט.

אַ שאָטן:

יעטוועדער דאַרף דעם עונש טראָגן
פאַר נשמהלעך פאַר צען.
אַזוי זינדיק ווי איצט
זע׳מיר נאָך קיין מאָל נישט געווען...
חתן!
פאַר וואָס פאַרשטייסטו אונדז נישט מיט דיין כלה!

(פויזע)

זיין כּלהס צער פון אונדז נישט מאָנט.
ברידער! אַ שרעקלעכע עברה אָפּגעטאָן —
געלאָזט פאַרשניידן זיך, ווי גרעזער.
עס האָט מיין גזע,
ווינד איז מיר און ווי!
מיט הכנעהדיקע בליקן,
אַוועקגערויכערט, ווי אַ ברענענדיקע סטערטע היי.

צווייטער שאָטן:
דער רוצח האָט, אַ שיכּורער, פון מיר געלאַכט,
און איבער מיין געשריי פון שייטער־פלאַם אַרויס
האָט אַ ברכה ער געמאַכט:
ברוך יוצר המאורות.

צוויי לעבעדיקע קינדער, אַ יינגל און אַ מיידל, שיילן זיך פון נאַכט־חושך אַרויס, דערנענטערן זיך צו דער חורבה.

אַ שאָטן:
ישמח האב ביוצא חלציו —
ייִדישע קינדערלעך גייען!

צווייטער שאָטן:
מיר האָבן שוין ווער עס זאָל די שנאה פאַרזייען
צום בלוטיקן עזות־מחוצף.
זעט, עס ליכטיקט אַ רינג אַרום די קעפּ פון די קינדער.

שאָטן פונעם חתן:
אַרום די קינדערשע קעפּלעך ראַזיקט אַ קרייז פון מאָרגנליכט.
עס וויקלט אַ רינג אַרום זיי זיך,
אַ העלער אַ רויטער,

ס׳איז דאָס בלוט, אויסגעפלעמלט,
פון מיר, דעם נוקם ונוטר.

שאָטן פון כלה:
מיין הייליק נקמהדיק יינגל,
זיי מיך מקדש מיט דעם דאָזיקן העל־רויטן רינגל.

שאָטן פון בדחן:
פאַר נשמות געלייטערטע
נישטאָ קיין דינים פאַר זיי.
ס׳קערן נשמות זיין פריי פון חופה־קידושין.

א שאָטן:
צעקושט זיך אַזוי,
ווי ליכט־פלעמלעך צוויי,
צוזאַמענגעפאָרטע,
אין פלאַטער זיך קושן.

שאָטן פון דער מחותנתטע:
דער פרימאָרגן קומט אָן,
וועל איך אויף די קינדער מטיל־אימה נישט זיין.
לאָמיר גיין —
ס׳וועלן זיך קינדער דערשרעקן פאַר שאָטן־געשטאַלטן.

שאָטן פון דעם חתן:
דאָס האָב איך זיי אין אַ וואַלד אויסבאַהאַלטן.
איך האָב נאָכן שטאַרבן נאָך לעבן געוואָלט —
האָב איך פאַר זיי מיט מיין בלוט אָפגעצאָלט.

א שאַטן:

באַשירעמטע ייִדישע קינדערלעך צוויי —
דעם קיום-האומה וועלן ממשיך זיין זיי.

שאַטן פון דער כלה:

שלינג, ייִנגל, מיך איין אין דיין ליכטיקן פלאַם,
ווי דאָס טראָפּנדל רעגן שלינגט איין דער ים.

שאַטן פון דעם בדחן:

שלינגט אַ פלאַם אַ פלעמל איין —
אַ מצווה-טענצל לאָמיר גיין.

א שאַטן:

איבער בראַנד און איבער ווייען, איבער פּחד-פּחדים.

צווייטער שאַטן:

הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו.

גייסטער פלעכטן זיך צונויף אין קלאַנגלאַזן ריטמישן טאַנץ.
די צוויי לעבעדיקע קינדער דערנענטערן זיך אַלץ מער צו דער חורבה און הערן זיך פּאַרטייעט צו. די שאַטנס לייזן זיך אויף אינעם בלאַסן ליכט פון אויפגייענדיקן באַגין.

בלי און וויאַנונג

וואָס לויפט אַזוי דאָס געלע בלעטעלע,
און וווהין?
עס איילט צום אייגענעם גזר־דין:
שטאַרבן, וואָס ווייניק־רוישיקער,
בציבור מיטן וויאַנענדיקן כּלל —
דער גאָלד־שטאַרבנדיקער בלעטערפאַל.
אַ הספּד מאַכט דעם וועכטערס בעזעם,
דער ווינט טרייבט זידלענדיק, פון וועג.
דאָ און דאָרט געלינגט
אַ קרבנדל זיך צו שיצן הינטער אַ שטיין.
דאָרט דערטראַכטן זיי
דעם סוד פון בליִונג און פאַרגיין.
פלאַטערניש און געבורט־ווייטיקדיקער גלי
קומט אָן מיט מאַטערניש און מי,
און ערגער נאָך פון טויט, קומט אָן
דאָס לעבן אויף די שטאַרצן
פון אָפּגעזעגטע נפטרדיקע שטאַמען,
אָן קיינעמס הילף, אַליין,
אַנגעוויזן אויף דיין גורל הארבן,
אָן איין רגעלע אויסגעבענקטער רו,
אָבער שטאַרבן —
דאָס העלפט דער טרייער האַרבסטווינט צו.

הינטער דער מוזעס מאַנטל

הינטער דער מוזעס מאַנטל, מיר געשאָנקענעם,
מיט בלומען-האַפטן, מיט טרוים און פאַרב צעשפּילט,
בין איך אויפן גאָלן לייב מיט פּיין,
ווי מיט ברענגראָז אַרומגעהילט.

אונדזער שפּילעוודיקע שיינקייט
געהאַט האָט פּנימער מיליאָנען.
די מיליאָנען ליכטיקייטן האָט פאַרפינצטערט
די העסלעכקייט מיט איר איין-און-איינציק פּנים.

מיין האַרץ איז אַ קינדער-קבר, און מיין זכּרון
איז אַ שומר דאָס קבר אָפּצוהיטן.
און אויב מיין זין זאָל אַ רגע לאָזן זיין אַליין —
זאָל איך אַ וויסטער פוןביידע וועלטן זיין פאַרשניטן.

איך לייען אַרום מיין יאָמערליד
פון קינדער-פּנימלעך פון ווייסע,
ווי ס'האָט מיין טאַטע אַרויסגעלייענט
פון מיין שמחת-תּורה-פאָן „אתּה הראתה".

אַ פאַרבלוטיקט קינדער-קעפּל איז אָן עפּעלע אַ רויטס
אויפן שטעקל פון דער אַרויסגעלייענטער פאָן.
זיין שמייכל דער פאַרגליווערטער איז אַ ליכטל ווייס
אין עפּל —
און מיט מיין טרויער איך צינד דאָס ליכטל אָן.

אַ ליד וועגן פוילן

מיין פאַרמעגן? אַ ביסל לידער יידישע וועגן זייער פיין
אויף פויליש — מער גאָרנישט.
איך האָב זיי פון מיינע בלוטן אַרויסגעראַטעוועט, ווי אַ קינד
פון הינטער אַ ברענענדיקן שלאָס.
די סעקרעטאַרין פון דער צייטשריפט פוילישער שמייכלט
צו מיר טעלעפאָניש:
— מכּוח אייער ליד, שיקט עס אויף דער פאָסט.

אַז איך זע פוילן דורך דעם מיידלס שטים דער וואַרעמער
און ליבער,
צינד איך אָן אַ רגעלע מיין יידישע אילוזיע די צעשטערטע.
וואַרט איך צו אַ קוואַרטל מיט אַ מיטוואָך אויף מיין
איבערזעצטן „חיבור" —
און איך באַקום מיין ליד צוריק אין אַ גרין-גיפטיקער
קאָפּערטע.

— פּאַניע רעדאַקטאָזשע! אַ ליד געווידמעט פוילן —
זינג איך טעלעפאָניש,
געווידמעט יידן אויף דער ערד פון מיין לאַנד, אין פוילן!
— פון דיין לאַנד? — אַ וואָיע האָט געטאָן זיין קעל גזלניש,
ווי ער וואָלט געשאָסן זיינע ווערטער מיט פּיסטוילן.

ביים אוהל־פּרץ

אין די לאַדנס פון דער דאָרפישער אַלמנה
קלאַפּט אַן פּאָר טאָג דער געמיראַוועך.
דער קיילעכדיקער שטעמפּל פון דער לבנה
ברענט אויף זיין געזיכט און אין זיין נישט־דאָיִקער מחשבה.
פון די לאַדנשפּאַלטן שניידט שאַרף זיך אַרויס אַ רויטע שיין:
דאָס ברענט אינעווייניק פּרצעס יסורימדיקער חלום.
דער מאָרגן גרויט מיט אומקלאָנגיקן געוויין
פון געשאָכטענע מקובלים.
און איך הער אין זייערע כאָרכלען, צעקרישלטע און שטילע,
דאָס פּאַרמעטענע קנאַקן ביים פונאַנדערוויקלען אַ מגילה:
— צינדט אָן יזכור־ליכט
אויף אונדזערע תהומען —
נ ק מ ה !
פון גאַרטל צי די האַק אַרויס
און זאָל זיין דיין פויסט
ווי אַ קיזלשטיין פאַרשטייפט.
שלייף, מייסטער, שלייף,
אויף אונדזער חשבון שלייף.
די שאַרף זאָל זיין, ווי אונדזער פּיין,
פינקלדיק צעבלענדט.
— — —
דער מזרח ברענט
מיטן לעצטן בלוטשטורעם פון די „דריי נייטאָרינס״.
דעם גראָען ייִד ווערט אַרום הארץ
אַזוי קאַלט,
אַזוי קאַלט.

קלאַפּט ער זיך אין האַרץ אַריין
און הייבט אָן זאָגן ווידוי.
ער פֿאַלט כּורעים אַנידער
אויפֿן ברידער-קבר אינעם וואַלד.
דאָס פּנים מיט די דלאָניעס ער פֿאַרשטעלט,
נאָר דורך די פֿינגער צו זיין בליק —
צום לייב זיך שטעכן די געשטאַלטן,
פֿון חנה-רויזעלען און אסתּרלען.
דערוואָרגן און פֿאַרשוועכט
זיי שרייען:
— אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט!

פֿון זייער געשריי טוט זיך אַ רים פֿון טויטן שלאָף:
דאָס שוסטערל פֿאַרסמאַליעטע פֿון די למד-וואָוו,
פֿון אַלטן מאַרק דער לאַמטערן-צינדער
און דער שומר,
די פֿעלדשער-יונגען, די קלעזמערלעך — די טרוימער,
און די פֿאַרליבטע,
וואָס די גבירים האָבן געוויזן זיי די טיר.
די הערצער אָפּגעדעקט,
די אויגן גליִען
לויטער אומבאַפֿלעקט,
ווי שאַרבוינעס,
זיי וואַרפֿן פֿונעם בליק אַראָפּ די שרעק
און פֿון ברוסט און פֿלייצע די געלע שאַנד,
און אין געפּעכט קעגן דער תּלינים-מאַכט —
פֿלאַקערט אויף די שלאַכט.

דער מזרח-הימל ברענט,
און ווי די שווערדן אין די הענט —
די בלוטן אין די שלייפן קלינגען.

איצט קומען צו דיין אוהל זיך צוזאמען:
די, וואָס טראָגן אין זיך די ליבשאפט
פון די געשליידערטע אין פלאמען,
מיט נשמות צוגעבונדענע צו זייער פיין
און מיט קעפ אַראָפּגעבויגן,
און מיט נעפלדיקע פייכטע אויגן —
זיי קושן דיין מצבה-שטיין.

חול-המועד פסח 1947

דער ערשטער קלונג

(לאָדזשער „אַררט״)

דאָס גלעקל קלינגט אין פּאַיע צום ערשטן איבעררייס.
עס לעשן זיך די זשיראַנדאָלן.
אין „אַררט־זאַל״ איז ווערגנדיק און הייס.
פאַרגעסן האָבן זייערע ראָלן
די אַקטיאָרן,
נאָר קיינער פון די צושויער
ברעכט נישט אויס אין צאָרן
און עפנט נישט קיין פּייפּעריי.
זיי זיצן אויף די שטולן פּליושענע —
„מלך־אביונס״ אויף די טראָנען —
און אָט דערזעען זיי בראָדערזאָנען.
די טויט־שווייגעניש טוט ווי אים.
— איך וועל זיי, זאָגט ער,
דער „כאַליאַסטרע״, באַצאָלן כפל־כפליים.
איך בעט דעם איבעררייס געדולדיק איבערטראָגן.
די לצים אויף דער בינע
וועלן ביי מיר שוין האָבן
„צו זינגען און צו זאָגן״
און וועלן זיך קורטשען אין די וועש...

דער ערשטער אומרו באַפאַלט
די צוזערנערינס פון פּאַבעניץ
און די קעטלערינס פון זגעזש:
מאָרגן וואַרט די ערשטע „שיכט״
און אין דרויסן נעמט שוין שאַריען.

נאָר געדולדיקע עס וואַרטן
די לומפּן־פּראָלעטאַריער —
זיי טוט האַרציק באַנג,
וואָס די נאַכט פאַרגייט.
די רעווי־נומערן,
ווי די שטומעניש אַרום,
זיי נעמען אויף, ווי אַ טייל פונעם ספּעקטאַקל.
אויף די ביישטידלען שפּאַרן אָן די קעפּ:
די בייגל־הענדלער, קונים־רופער
און די „פּאָדוואָרזש־זינגער”.

די פאַרקויפערינס פון זיידנצייג
און די באַלן־פּאַקער פון שעוויאָט און מאַרינגע
גאַפן אויף דער בינע
מיט אויגן אָפן.
זיי האָבן די נאַכט
זיך שוין מיאוס־געוועזן פון שלאָפן,
נאָר אַז זיי זיצן אָפּ
אַ שעה און צוויי און דריי,
נעמט דער קאָפּ חלשן נאָך רו
און די ביינער טוען וויי,
און ווען זיי קאָנען אויף דעם המשך־שפּיל
זיך נישט דערהאַרן —
הייבן זיי איינציקווייז זיך אָן פון זאַל אַרויסצושאַרן.

— — —

שפּאַנען זיי אין חושך־נאַכט.
טיר און טויער צוגעמאַכט.
זאָלן זיי די וועכטער וועקן —
קאָנען יענע זיך דערשרעקן

און אַנצוהערעניש זיי געבן,
אַז זיי בינדט שוין גאָרנישט מיטן לעבן,
אַז זיי זענען פון הויזבוך שוין אויסגעשטראָכן.

— — —

צווישן פּליוש און שווייגעניש פאַרלוירן,
דעם זאָל פאַרלאָזט די לעצטע צושוויערין —
דאָס בלייכע מיידל פון פּראָווינץ.
זי בענקט נאָך שמרם ריטערלעכן פּרינץ
אויף סיציליע אַ פאַרשיקטן.
שטיקער לייב לויכטן
פונעם קאָפּטעלע צעפּליקטן.
די אויגן שוואַרץ,
די ליפּן בלאָ,
און דעם אַדרעס פון דער רייפּערקע
זי האָט פאַרלוירן ערגעץ-ווו.
זי גייט אַהיים — אין „פּראָם-לוזערס גאָרטן"
זי זאָל נאָר קאָנען דאָ
כאָטשבי איין נאַכט איבערנעכטיקן,
(זאָל נאָר קיין „מליץ" נישט פאַרדעכטיקן)
דער פּרינץ, ער וועט בשלום קומען,
נאָר —
ווער האָט די בענק דאָ צוגענומען?
פּלוצלינג דערמאָנט זי זיך,
אַז היטלער-רוצחים האָבן זי אויסגערויכערט
אין גאַז און פלאַם-דערשטיקעניש
מיט יידן זעקס מיליאָן אין איינעם,
און אַז זי האָט שוין מער
קיין קעל און קיין בליקן נישט
מיט וואָס צו זינגען און צו וויינען.

בראָדערזאָן, דיכטער פאַרפייניקטער

וואָס איז אונדז אויף דיין לוויה אַזוי ענג ?
עס באַגלייטן דיך אין מענטשלעכן געדרענג
די פאַרגעטערער און פאַראיבל־האָבער דיינע :
די בעקער־יִינגלעך,
וואָס האָבן געטראָגן אין הערצער די באַליידיקונג
און אויף די קעפּ — די ברִיִענדיקע זיסע פּאָנען ;
די שוואַרץ־אויגיקע באַלוטער פאַרליבטע גראַפאָמאַנען
אין איין ריי מיט די שעמעוודיקע יונגע דיכטער,
וואָס דיין מבינות האָט זייער טרוים געשטעלט אין קאָן —
דו האָסט זיי פרייד פאַרשאַפט
און ווי געטאָן.
איצט קומען זיי :
פון כאַינע, פון באַלוט און פון זובאַרדז,
אַ קוק טאָן צום לעצטן מאָל
אינעם שווייגנדיקן געזיכט דיר.
זייער שווייגן העכער נאָך אַצינדערט שרייט,
ווי זיי וואָלטן לעבעדיקערהייט
די פינגער זיך געביסן און געשריגן.
וואָס שווייגן זיי ?
אָמער וואָלטן זיי זיך דיינס אַ ליד דערמאָנט,
דיך צום שלאָף צום אייביקן איינצוּוויגן,
ווי דו האָסט זיי אין דיין „אררט" איינגעוויגט
און זיי אַריינגעוועבט
אין דיין שפּילעוודיקער פאַרביקער מיסטעריע —
אַ זון־באַגין אין האַלבער נאַכט.
זיי ציטערן און — ווערן וואַך.

נישט נאָר נאָך דיר
שרייען זייערע זעל־אָן־גלידער,
זיי וויינען אַליין נאָך זיך —
דיינע זינגענדיקע צווילינגס־ברידער,
אומשולדיק אומגעבראַכט.
עס זאָגן קדיש איצטער ביי דיין אָרון
די חסד־באַלעגאַלעכלעך
און די אויסגעצערטע קעכינס.
זיי האָבן אַ מאָל, פון דיין בינעליכט
די אויגן צוגעזשמורעט —
צו שאַרפע שטראָמען ליכט נישט צוגעוווינט —
איצט לויכטן זייערע טרערן
אין דיין דערנערקרוין.

די כוואַליעס פונעם שטעטלדיקן טייך

די כוואַליעס אַטלאַסענע פונעם שטעטלדיקן טייך
זענען דורכגעשוווּמען יאָרן צענדליקער און צו מיין טרוים
דערגרייכט.

צונויפגעקאַלערטע, זיי לייגן זיך ווי קישנס מיר צוקאָפּנס
און ברענען מיר די הויט מיט שוים־שפּריצנדיקע
פּלעמל־טראָפּנס.

איך ציטער נאָך פון זייער ליכט — צוזאַמען מיט די
חברימלעך פון חדר,
די באָרוועסע, האַלב־נאַקעטע, אין צוויטיק־לייוונטענע
קליידער.

אין כאַלאַטעלעך צעפליגלטע, צעווינטיקט און צעפּעכערט,
און פאָרויס אונדז — דער קליינער יתום, משה־מאיר
„שפּרעכער".

זיין לייב אין סיניאַקעס צעריסן און פאַרבלאָטערט,
געטראָטן פון דער שטיפמאַמע, געשלאָגן פונעם פאָטער,

די אויגן — בלאָע קייקעלעך מיט שפּריצנדיקע פונקען,
ער לויפט זיין קינדהייט, די געשענדטע, אין „אופּוסט־טייך"
דערטרינקען.

נאָר איר, דערבאַרעמדיקע כוואַליעס, האָט זיין קרבן
נישט אָנגענומען —
אויף אייערע זילבער־הויקערס אַרויסגעשליידערט און
אויסגעלערנט שווימען.

איז לויפט איצט אונדזער שווימען-לערערל פּאָרוים —
דער יתום משה-מאיר.
ער וועט לערנען אונדז צו שפּילן זיך מיט אייער קאַלט,
אומרויִק פייער.

אָ, כוואַליעס לייבלעכע פון מיין שטעטעלע, מיין בלאַס-בלאָ
קינדער-קעניגרייך!
אין לויף צו אייך האָט אונדזער טראָט, אין אומגעשטילטן
דורשט נאָך אייך,

געלאָשן זיך מיט קרעלעכלעך פון בלוט, געשנירלטע
און רויטע.
ווי פאָנען, האָבן קליידער-שטיקער זיך צעפלאַטערט
אויף די שטעכלדראָטן-פּלויטן.

פאַר אונדזער דראַנג נאָך אומבאַקאַנטן אומרו, מיט אייך
צונויפגעפלייצטע —
מיר האָבן אָפּט באַצאָלט מיט שטיקער לייב צעריסענע,
פון הינט צערייצטע.

נאָר איר, די כוואַליעס, זענט אויף ווינטן וואַרעמע געלעגן —
און אונדזערע מלבושים האָבן שקצימלעך אַוועקגערויבט
אויף ברעגן.

איך הער אין אייער פּליעסקען אין די נעכט דעם יינגלשן
גערויש פון חדר.
עס שרייט דער לבנה-פּלעק אויף אייך מיט שוידער פון מיין
העמד אין טייך אַריינגעשליידערט.

מיר האָבן נאַקעט אייך פאַרלאָזט אין הילפלאָז־קינדערישן
צאַפּלען,
ווי טרערן אומבאַהאָלפענע אַרויסגעבווירענע פון יתומלעכם
שוואַרצאַפּלען.

אין ליבשאַפט איינגעהעמדלט ווערט אַ קינד נאָך אין
דער מוטערס טראַכט,
נאָר מיר — די נאַקעטקייט פאַרשעמטע, האָבן צו מאַמעס
וויינענדיק אַהיימגעבראַכט.

טייכן־רינגען

ווי נאַכט־פֿייערלעך אַריינגעציטערטע אין שאָטן־וועבן קילע,
אין שווידער צווישן פֿרייד און שרעק,
עס האָבן אונדזערע בת־מלכּהס — די דרעמלדיקע
וואַסער־ליליעס —
באַקיטלט מיט לבֿנה־ליכט, זיך אין גרינעם וואַסער־סכך
אַנטפּלעקט.

פֿון אונדזערע לייבער, טונקל־בלאָע, דורכגעבאָדן נאַקעטע,
האָבן די טייכן־רינגען אָפּגעקרייזט און אַן געוויש אַוועק.
אין מיר שלומערט נאָך יענע שרעק־פֿאַרגאַפֿונג
די צעפּלאַקערטע
פֿון די טייכן־רינגען, וואָס שווימען אָפּ לבֿנה־פֿלאַמיקע
צום ברעג.

אונדזערע ברעגן זענען אַוועקגעשוווּמען אונטער
ראָז־צעשטערנטע פֿאַרהאַנגען,
און אין מיטן טייך אונדז געלאָזן אין רינגען־קרייז,
פֿון ליליע־שליים אָפּגעבריט.
ווען איך זאָל קאָנען יענעם אומרו ווי אַ פֿישעלע מיר פֿאַנגען
און פֿאַרנעסטיקן יענעם קינדער־צאַפּל אין מיין ליד!

איוב און זיינע גוטע־פריינד

1

און געוווינט האָט אַ מאַן אין לאַנד עוץ,
איוב איז געווען זיין נאָמען.
געבענטשט מיט אַ הויזגעזינד, מיט אַל דאָס גוטס
און מיט אַן איידעלער פרומער נשמה.

גליקלעכער געווען איז נישט קיינער
פון אים, דעם פאָטער פון מיידן און יונגען,
און אַן אָפענע טיר פאַר פרעמדע און שכנים —
זיין שם האָט אין די ווייטסטע ישובים געקלונגען.

זיין שטאַרקייט האָט פחד ביי שונאים געוועקט,
ביי איידעלע מענטשן — דערהויבן, געקרוינט:
אַ משפחה מיט הערצער, ריין אומבאַפלעקט,
און מיט איבערגעגעבענע דריי „גוטע־פריינד".

האָט איוב געזאָגט צו זיין ווייב: מיין נשמה,
דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר דערציילן, מיין גאָלד?
ווען די דריי „גוטע־פריינד" וועלן טרייסטן מיך קומען —
אָט דעם טאָג וואָלט איך דערלעבן נישט געוואָלט.

2

טרעפט זיך, אַז גאָט רופט צונויף אַן אסיפה
פון מלאכים, באַשאַפענע פון מצוות און תפילות,
און אויך פון „נישט־גוטע", געבוירענע פון חניפה,
פון ליגן און מיאוסקייט, האָס און רכילות.

עס פּרעפּלען טייוולאָנים מיט געשליפענע צינגלעך:
איובס בר־מצווה־זון האָט ביים תּפילין־לייגן געלאַכט,
זיין טאָכטער האָט בפרהסיה זיך געווערטלט מיט יינגלעך,
זיין ווייב האָט ביי ליכטבענטשן די אויגן נישט פאַרמאַכט.

און אשמדאי זאָגט: — דיין נאָמען פאַרשוועכט ער,
דער פלומרשטער צדיק, און מאַכט דיך צו נאַר,
והאַ־ראַיה: קיין איינע פון די געראָטענע טעכטער
ער האָט נישט קיין קרבן געבראַכט פאַר דיין אַלטאַר.

ווי קאָן ער דיך ליבן, מיין גאָט,
אַז ער איז פאַר זיין מילדקייט פאַרערט.
און ווי זאָגט זיך ביי יידן: ס'אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד,
אַז קענען דיר אַ פאַרשווערונג ער גרייט אויף דער ערד.

ביי די דאָזיקע ראיות האָט גאָטס נאָז געפלעמלט,
ווייל ער האָט דעם טייוול געגלויבט אויפן וואָרט.
און ווייל ער האָט איובס געטריישאַפט פאַרטרויט זיך
— ביז דעמאָלט
האָט ער אַליין זיבן מאָל זיך באַשפיגן די באָרד.

און גאָט האָט באַפוילן זיין שטן געטרייען:
— איובס עשירות לאָז אַוועק מיטן פייער,
און שפּעטער דערהרגע די רינדער און שאָף,
און צום סוף —
כדי דער מידת־הדין זאָל זיין אַ גערעכטער —
דו שעכט אים אַוועק די זין מיט די טעכטער.
דערנאָך קוק אַריין אינעם בליק זיינעם בלויען:
אויב אויסהאַלטן וועט ער דעם שווערן נסיון,

און ר׳וועט דאָס געזיכט נישט פאַרקרימען פאַרצאָגט —
וועט דאָס זיין אַ סימן, אַז האָסט ליגן געזאָגט.
און ווי דיין איידעלער יושר זאָגט אונטער דיר — טו.
נאָר צו זיין לייב ריר דערוויל זיך נישט צו.

— — —

דער שטן האָט אַ פרווו געטאָן די שאַרף פון זיין שווערד —
און מיטן טויט אין די פליגל ער שוועבט צו דער ערד.

3

מזל-טוב! אַן איניקל געבוירן האָט איובס אַ שנור,
פרייט ער זיך היינט אינעם קרייז פון „בני-בית״.
מיט אַ מאָל טוט אַ רים און אַ צעפּראַל זיך די טיר
און אַ יונג שפּאַרט פון דרויסן צום לאַנגבערדיקן גרייז:

— הנה, מיר האָבן געפּייערט דעם יום-טוב פון שניט,
צווישן די סטערטעס אויף די גאָלדענע פליינען,
האָט אַ בליץ ווי אַ שווערד אין פלאַם אַנגעגליט,
פאַרשרפהט די תבואה מיט די שניטערס אין איינעם.

איך האָב אויך שיר-נישט זייער גורל געטיילט...
ווען אָטעם זאָל קלעקן, וואָלט איך מערער דערציילט. —
און באַלד טוט אַ כריפּ אַ פאַרריגל זיין קעל,
אַ צווייטער שליח בלייבט שטיין אויף דער שוועל:

— מיר האָבן רויִק געפּאַשעט די שאָף און די רינדער,
זענען רויבער באַפאַלן מיט העק און מיט שפּיזן,
די סטאַדעס גערויבט, און די פרויען און קינדער
געשאָכטן, און בלויז דורך אַ נס כ׳האָב באַוויזן

אַנטרינען צו ווערן פון גזלנישן חייל...
ווען אַטעם זאָל קלעקן, כ׳וואָלט מערער דערציילט. —
אַ זאָג און אַ פאָל מיט אַ צעקנייטשטן געזיכט,
די שוועל טרעט אַריבער אַ דריטער שליח :

— שיפן געפּאַקטע מיט איילבירט און זייד
האָבן פּאַרערער געפירט פון די לענדער אין דרום,
געאיילט אויף דיין יום־טוב קומען אין צייט,
איז אומגעריכט אויפן ים אויסגעבראָכן אַ שטורעם.

און ס׳האָבן די וועלן, ווי לוויתנס, פאַרשלונגען
די געשאַנקען, מנדבים און זעגלשיף־יונגען.
בלויז איך אַליין האָב מיט די וועלן זיך געשלאָגן,
כדי די פינצטערע בשורה דיר ברענגען און זאָגן. —

דאָס הויזגעזינד הערט דאָס פאַרטייעט, פאַרשטומט,
פון דערשיטער לאָזט קיינער קיין קלאַנג נישט אַרויס.
פלוצלינג פלייצט אָן אַ רויט־שרפהשער שטראָם
און פאַרשלינגט די נפשות באַנאַנד מיטן הויז.

אַ פאַרהוילענע האַנט פון דער שרפה פאַרטרייבט
דעם פאַריתומטן זקן און זיין יאָמערדיק ווייב.

זיי בייגן די קעפ אַראָפּ צו דער ערד,
פון דער חורבה דער שטן מיט שאָדנפרייד לאַכט.
ער לעקט אָפּ דאָס קלעפּיקע בלוט פון זיין שווערד —
און איוב זעצט זיך שרייבן זיין המשך צום תנך.

4

פאַרטיק געוואָרן מיט זיין גוטער מלאכה —
איז דער שטן צוריק אין די הימלען פאַרפלויגן,
דער רבונו־שול־עולם, אינעם קרייז פון מלאכים.
באַגעגנט אים בייז, מיט פאַרכמורעטע אויגן:

— האָסט, דוכט זיך אַ בילבול, אַ שקר, פאַרטראַכט,
אַז איוב, מיין קנעכט, האָט פלומרשט מיך פיינט,
זיין משפחה די גאַנצע האָסטו אומגעבראַכט —
און ער איז אַ צדיק געבליבן ביז היינט. —

דער טייוול, ער דרייט זיך אויף פערדישע טלאָען,
אין גאָרגל, פון פחד און אַנגסט ווערט אים טרוקן:
„אָט וועט ער פאַר די „חיות הקודש" אַ שליידער מיך טאָן,
און זיי וועלן דאָס איינציקע אויג מיר אויספּיקן".

ער נעמט ציילן די ווערטער צעשאָטן, געלאַסן:
— מיין האַר, אָט דעם איוב פון דער ווייטנס נאָר קענסט.
וועלכער מענטש קאָן נאָך אַן אומגליק אַזאַ דיך נישט האַסן?
נאָר, פשוט: ער גלייבט נישט אין דיין עקזיסטענץ.

ר'וואָלט מיט אַ שטעקן דיך אין דער נאַכט אָפּגעוואַרט —
אַ צעיושעטער, אַראָפּ פונעם זינען,
נאָר ער פאָרט נישט דיין יושר מיט זיין מענטשלעכן צער —
און לייקענען איז דאָך הארבער נאָך פון שנאה.

דו טרויסט נישט מיר, און ער דיר נישט טרויסט.
חוץ דעם, באַגייט די העסלעכסטע זינד ער:
זיין באַשירעמטע נישטיקע הויט
איז אים ליבער פון זיינע געהרגעטע קינדער.

וואָסער צדיק וואָלט נישט געוואָרן אויפגעבראַכט?
אַ חיהלע וואָלט אויך זיך מיט צײנדלעך געווערט.
און ער: „כ'בין נאַקעט אַרויס פון דער מוטערס טראַכט
און אַ נאַקעטן וועט מיך איינזאַפּן די ערד"...

איך קען בעסער פון דיר דעם מענטשלעכן סוד,
דערפאַר כ'פיל בשלימות אוים דיין שליחות, מיין גאָט.
איך בין דער שאָטן פון דיין אייביקער מאַכט —
פון דיין ליכטיקן טאָג כ'בין די נאַכט.

— — —

— שווייג! — האָט גאָט זיך צעשריגן —
ביסט דעם תהומס פאַרסליניעטער ליגן,
דער פינצטערער שאָטן פון גלויבן.
אָט צעבלאָז איך אין ווינט דיך, אין שטויבן...
נידער אַראָפּ,
איובס לייב מיט בלאָטערן באַדעק,
נאָר זיין נשמה רויב נישט אַוועק.

5

וואָס האָט דער שטן שוין געהאַט איצט צו טאָן?
מער שטראָפן? ר'האָט נישט געקענט, נישט געדאַרפט.
דער אָבל דער קראַנקער, מיט פינצטערניש זאַט,

האָט נעגל געהאַט,
האָט ער מיט זיי געריסן זיין לייב,
און זיין ווייב,
אַ געבוויגענע איבער די גופים פאַרקוילט,
האָט געזוכט און געשאַרט
מיט אַ ריטל אַ דינעם,
און אַחוץ איר צער —
גאָרנישט געפונען.

6

ווען אויף איובס לייב
איז שוין קיין פּעדעמל ווייסע הויט נישט פאַרבליבן,
האָט ער זיך געזעצט אינעם אַשיקן זשאַר
און אָן אָפּרו געשריבן —
ביי די צעפּלעמלטע שפּענדלעך ביי נאַכט
און ביים זונאויפגאַנג אין דער פרי.
דאָס ווייב האָט איר גראָען צעשויבערטן קאָפּ
אַרויפגעלייגט דעם מאַן אויף דער קני,
און נישט אויפגעהערט וויינען און העשען.
זי טוט אים אַ פליק פאַר דער באָרד:
— מיט הייליקע פּסוקים דו ענטפערסט אויף מאָרד?
ווי די קרעץ אויף דיין לייב —
דעם הימל מיט דיין צעאייטערטער קללה באַפאַרב.
לעסטער און — שטאַרב!
די פאַרחלשטע פויסטן אין צאָרן פאַרקלאַמער,
זאָג, אַז דו קאָנסט גוססן אָן אים,
אַז מער נאָך ווי דו גלייבסט אין זיין רחמים דעם גרויזאַמען —
גלייבט ער אין זיינע טייוולאָנים.

— — —

אַרויפגעלייגט האָט דער מאַן אויף איר קאָפּ

זיין ביינערנע האַריקע האַנט:
— זעץ זיך, מיין ווייב, לעבן מיר,
רעד פון האַרץ זיך אַראָפּ.
ווייל כּעם לעשט די לעצטע פונקען אָפּ
פון פאַרשטאַנד.
נישטאָ, אַחוץ א י ם, זיך אין ווער צו פאַרטרויען,
און זידלעריי איז די מידה פון הפקרע פרויען,
און ברענגט קיין לינדערונג נישט
און קיין טרייסט,
און —
ווער ווייסט?
אַ קללה קאָן אַ מאָל די נשמות פון די קינדער פאַרשעמען,
און —
ווער איז נייטיק אונדזער יללה דען, ווער?
אוודאי, ווען איך וואָלט אַ חיה געווען,
וואָלט איך פון צער זיך געטאָן אַ צעוואָיע.
נאָר קיין משפּחה-נעסט צוריק
מיר וועלן מיט קללות נישט בויען,
און קיין איין קינד וועט דערפון נישט לעבעדיק ווערן.
איך וועל בלויז די שונאים דערפרייען,
ווען זיי וועלן מיין יאָמער דערהערן.
פאַר אַ מענטש איז די שרעקלעכסטע פּיין
דאָס געפיל, אַז זיין אומגליק ברענגט עמעצן פרייד.
פאַרנעם די יסורים, מיין ווייב,
ווייל אַ מאָל בריט לעסטערונג שאַרפער,
ווי צרעת אויפן לייב.

— — —

די פרוי האָט געשוויגן,
נאָר די בליקן געגליט
האָבן די ווונדן פון זקן,
און פּלוצלינג, ווי באַנומען,
האָט זי ווילד זיך צעשריגן:
— זיי קומען, זיי קומען!
די פּאָר ווערמען
דו האָסט זיך שטענדיק געשראָקן,
די „גוטע־פריינד" דיינע דריי.

— די „גוטע־פריינד" מיינע דריי —
דאָ האָט דאָס ערשטע מאָל
איוב פאַרקרימט זיין געזיכט,
און פון די פּיס אָפּגעשליידערט די צעריסענע שיך —
זיי קומען מיך טרייסטן!
און ווידער האָט ער מיט נעגל די שאַרפע
געפירט איבערן לייב
ווי איבער סטרונעס צעפליקטע
אויף אַ האַרפע
מיט ווענטלעך צעשפּאָלטן —
זיי קומען אַהער
מיך באַקרעכצן און באַדויערן...
זאָל זיין וויסט און פאַרשאָלטן
מיין טאָג פון געבוירן!

צו דער זון

דו שווייגסט — אַ קנויל פאַרטייעטער,
אַנפאַרמיקער, נשמהלאָזער חומר.
בעזעמסט אין מיר אַריין דיין פייער
און וויטיקסט מיך אַרום מיט רוימען.
איך בין דיין שווערדבליאַסק,
אַרויסגעצויגן פון דיין שייד.
אָ, וויפיל אומרו דו האָסט פאַר מיין לייב פאַרגרייט!
האָסט מיט אַ שטראַל
מיך אַרויסגעשניטן פון כאַאָס
און פון דיין תּפיסה־ליכט
איך ווער אַ לעבן לאַנג נישט פריי.
קיין רגע מילדקייט,
נאָר בלוטגעפלייץ און נערוון־צאַפּל,
און כּסדרדיקן בלאָנקען
צווישן ליכט און פינצטערניש,
רו און מאַטערניש;
כּסדר ערגעץ אַוועקצופלי'ען גרייט —
און צוגעבונדן אַרומען האַלדז
מיט חלום־פעדעם אין אַ קייט.
ווער בין איך?
אַ פוך־פעדערל פון דיין פליגל־פלאַטערניש
וואָס האָסט אָפּגעפליקט פון זיך.

ווידערשיין

אַ קאַלטע פאַרגליווערטע לבנה בין איך.
מיין ליכט און וואַרעמקייט איז נישט מיין,
מיין זילבערנער לבוש פון ווייכן לאַשטשענדיקן ליכט
איז פון אַ זון אַ ווייטער — אַן אויסגעבאָרגטע ווידערשיין.

ווען איך שריי: „נעמט דעם בראַנד־איינהיל פון מיר אַוועק!"
ווערט דאָס האַרץ אַליין אַ שונא מיר און וויל מיך נישט הערן,
אַ ווייטע זון בריט מיך אָפּ מיט לעבנספרייד און טויטנשרעק,
און לאָזט מיך נישט לעבן און לאָזט מיך אויכעט נישט
פאַרשרפהט ווערן.

נאָר טייל מאָל, אומגעריכט,
ווען כ'בין פאַרקוקט אין אייגענעם יסורימדיקן וווּנדער,
די ווייטע זון טוט אויף זעקס מיליאָן שפליטערס אַ צעפּליק
איר ליכט—
און צוריק זיין פלעמל פאָדערט פון מיר יעדעס שפליטערל
באַזונדער.

ווען איך גיב זיי צוריק יעדערן די שטרענג געמאָנטע שטראַל,
איך בלייב הענגען אַ פינצטערער, אַ שטומער אינעם אַל.

חלום און וואָר

דעם בלימעלעם חלום איז: בלי
און לעבן און זוניקע פרייד.
די וואָר איז: צעווייטיקטער גלי —
די קאַסע, וואָס דעם חלום פאַרשניידט.

אונדזער חלום איז: בלי
און לעבן און ליבשאַפט און פרייד.
די וואָר איז: רוצחישער גלי —
דער מערדער, וואָס דעם חלום פאַרשניידט.

שיכעלעך אין שויפענצטער

אין דער גלאָז־גאַבלאָטקע די קינדער־שיכעלעך, פּרימאַרגנדיק און רויט,
בויקערן זיך ווייס־חברהדיק און שפּרינגען פון דער הויט:

אַז דאָס קאַרשנדיקע רויט זאָל אויף אונדזער הויט נישט פאַרוויאַנען —
מיר וועלן זיך אַ ריס טאָן און אַנטלויפן פון דאַנען.

מיטן געבראַזג עס וועט אַ פאַל טאָן דער שויביקער גדר.
האָבן שוסטערס אונדז געשניטן אַ לעדער,

אַז מיר זאָלן גליווערן דאָ אָן לופט און אָן שיין?
ניין!

לאָמיר אַ שפּרונג טאָן און הויך זיך צעליאַרעמען,
זאָלן קינדערשע טריט אין באַוועג אונדז דערוואַרעמען.

מיר בענקען נאָך אַ קינד — אַ באַפּליגלטן גאַט,
מיר ווילן דעם שלאָף אַרויסקלאַפּן פונעם שטיינברוק פון שטאָט,

און אַ שטיף טאָן מיט בלומען פון מאַרקן און סקווערן;
מיר ווילן, דורך קינדער־געפּילדער, אַליין זיך דערהערן.

נעמט אַרויס אונדז פון דאַנען, די שטילקייט דאָ שרעקט,
ווייל מיר וועלן די שויבן צעברעכן און איבער גאַסן אַוועק.

אין שטיפעריי אין געלויף דורכגעבריט און פאַרשיכורט,
מיר וועלן אַליין פון פרייד זיך צערייסן אויף שטיקער.

איבלדיקער סם

דעם טאַטנס טלית, וואָס האָט מיין קינדער־זעונג צוגעדעקט,
ווען די כּוהנים האָבן מיך באַלויכטן מיט זייער ברכה,
פינצטערט אין אַ ברידער־קבר, אין שוואַרצן בלוט באַפלעקט—
פון מיין זעקסמיליאָניקער געשאָכטענער משפּחה.

מיט דעם זעלבן ניגון, וואָס איך האָב מיינע נאָענטסטע באַוויינט,
איך האָב, ווי אַ פּאַיאַץ אַרומגעטאַנצט אַרום זיינע טויזנט טראָגן.
מיט טויזנט מעסערשאַרפן איך וועל שוין ביזן טויט אַריין,
די מיאוסקייט אַראָפּקראַצן פון מיין לייב נישט קאָנען.

פון זיין איבלדיקן ריח — אָטעם מיר פאַרפעלט,
ער פאַרסמט מיר אַלע מילדע ווינטן פון דער וועלט.

אַ סקולפּטור אויף כוואַליעס

אַ פאַרגליווערטער אין קאַלטן פאָספאָר־גרוי,
און איינגעוואַשענער אין שקיעהדיקע פאַרבן,
איך שווים אויף אַ ים, אַ שטורעמדיקן, אום —
אַ סטאַטועטקע אויף אַ פּיעדעסטאַל פון שאַרבנס.

און איינזאַמער אויף בלוטנדיקע וועלן;
אין מיין גראָ דעם פאָספאָרנעם לאָזן, ווי אויף שוועלן,
זעקס מיליאָן הערצער אויסגעברענטע,
זייער טליִענדיקן, נישט דערטרוימטן פיבער.

זעקס מיליאָן מענטשן פאַרן אונטערגיין
מיין פאַרגולמטקייט באַטאַפּן מיט צוועלף מיליאָן הענט,
אונטער מיר סודעט זיך דער סקעלעטן־פּיעדעסטאַל:
אויף אונדזער באַרג אַ לייכט־טורעם ברענט,
אַ לייכט־טורעם ברענט.

אָפּגעשניטענע לאָקן

מײַן קאָפּ איז אַ צעלעכערטער קופּאָל, אַ פֿאַרשאָטענער מיט גראַנאַט־שפּליטערס,
אין זײַן אונטערוועלבונג קלינגט די אומהיימלעכקייט — אַלאַרמירנדיקע גלאָקן.
די האַרוואַרצלען ברײַען מיך פֿון די שויבערן אין שקיעה אָנגעגליטע,
פֿון מיליאָנען אָפּגעשוירענע יונגמיידלשע ציטערנדיקע לאָקן.

לאָקן גאָלדענע און שוואַרצע, ווי בלעזעלעך פֿון קאָכנדיקן פֿעך,
פֿון זיי האָבן שטערנדלעך אַרויסגעשימערט, געשליפֿענע און קלאָרע.
פֿאַרקרײַזלט האָט זיך זייער שוואַרצער רייץ אין ייִנגלערישע טרוימען אין די נעכט,
אינעם שלאָף, אויף דער וואָך, פֿאַרטיפֿטע אין ראָמאַנען און אין מוסר־ספֿרים.

אַריבערפֿלייצן פֿלעגט זייער וואַרעמקייט אין פֿינגער קנאָכיקע און ווייסע פֿון באָבעס און פֿון מאַמעס,
בליקן פֿאָטערלעכע האָבן אין די שלייפֿעלעך אַרײַנגעקושט אַ ברכה פֿון אַ רבין:
כ׳קאָן דיר, טאָכטער, נאָכגעבן נאָך יעדן הערעלע אַ פֿערעלע,
כ׳קאָן הילן דיך אין זייד און סאַמעט,
נאָר דאָס פּיצל דאָברע־מזל ווערט געבוירן צוזאַמען מיט דײַן אייגן לעבן.

זיי שווידערן אין מיין קאַשמאַר איצט פאַרשעמטע און
פאַרווירט,
שטילע און פעט-סאַמעטענע, ווי סאַזשע אינעם נאַכט-חושך
אריינגעוועבט,
מיליאָנען טרוימען אויסגערויכערטע אָן מוטערלעכער פרייד
און ציר —
לאַקן אָפּגעשניטענע פון מיידלשע פאַרברענטע קעפּ.

משה קוסעוויצקי

דאָס באַרגווינטל פון ירושלים
צעבלאָזט לינד אויף מיין געזיכט
דאָס שאָטנדיקע וואָרצל-פלעמל פונעם ליכט —
דיין אַקאָרד פון אַן אָנהפסקהדיק געזאַנג.
מיין פאַרווירטקייט אין אַנגסט פאַרצוואַנגט,
שלומערט דאָ צוקאָפּנס דיין פריש געגראָבענעם בית-חיים.
מיין אָטעם איז —
דיין טוי-חצות גראָזיקער
פון דיין מנוחה-עולמדיקן שלאָף.

דאָס ווינטל איז אַ מאָל אַ פראָסט געווען, —
אַ קנויל זילבערוואָל דורכגעפייכטיקט מיט בהלה,
און ברענגט מיר איצט
דעם וויטן ווידערשאָל פון מאָסקווע,
פון דיין התעוררותדיקן „מלא"
אַרומגעגליִיקטן מיט די טרערן
אויף די פאַראַשטע פּנימער אַרויפלאַמטערנט,
פון פרץ מאַרקיש און פונעם נסתר,
פון איציק פעפער און אהרן קושניראָוו.

וואָס מיר זענען זענען מיר,
נאָר וויינען מיט אַ ניגון קענען מיר
און צו דיין משפט אונדזער צער
פאַרטרויען מיר:

— אוי, „עקביה בן מהללאל אומר!"

ווערן מיר פון האַס
שווערער נאָך ווי שטיינער,
און פוך־פעדערדיקער, לייכטער
פון אייגענע אויסגעצאַנקטע ווידערשיינען.

— אוי, „עננו, אלוקי אברהם, עננו!"

בענקשאַפטן, איינגעגלויבטע אין אַ נס,
הערצער איבערגעגליטע —
געפּשרט פּסחדיק געפעס,
צו צעברעכן לייכטע.
און יעדעס ברוך־שערבעלע
פאַרמאָגט אַ זון אַן אייגענע,
אַ נישט געשאָנקענע פון קיינעם,
פון קיין שום פינצטערנישן נישט פאַרשטעלט.
אַז מירן מאָרגן
אַ פליוכע טאָן אונדזערע געוויינען,
וועט ווערן דערוואָרגן
דאָס געשענדטע בלאָע פּרצוף פון דער וועלט,
און אונדז רחמים בעטן,
אַז מיר זאָלן מיט אונדזער האַרטן יאוש זי פאַרשטיינען.

— אוי, „עננו, פחד יצחק, עננו!"

איינגעטליתטע אין עמוד־אש,
אויסגעטליתטע פון בלוט און פלייש
און ביינער —
דינע טוש־חתימות
איבער דיינע ספירות ליכטיקע צעהאַנגען,
איבער אונדזער אָפּגעמעקטן טראָט —

מיר, די אַנונגעץ פון זונאויפגאַנגען,
די פייערלעכע משקה פון דיין קידוש־כוס,
אין דערוואַרטונג,
אַז ס׳וועט דיין לעשבלאָז
אויף עולם־ועד אונדז פאַרניינען. — — —

— אוי, דערבאַרעמדיקער גאָט,
„עננו, רחום וחנון, עננו!״

אַ ליד פון אַ מאָל

וואָס איז געווען מיט מיר דער מער?
גענוג געווען איז איין פונק פון מיין טרער,
אַז מיין פינצטערניש אין מיר
זאָל זיך מיטן בלוי פון דרויסן פאַרבינדן
און מיך אָנצינדן,
ווי סאַזשע, וואָס האָט זיך פון דאָס ניי צעברענט.
איך בין שטיינגעבליבן, ווי אַ פייערלעשער,
וואָס אַ שרפה האָט אַרומגענומען זיין אָבסערוויר-טורעם.
די פיין האָט אַרויסגעשיינט צו מיר
פון אַלע פינקלדיקע מעשן.
איך בין געווען אַלאַרמירט,
נאָר נישט אין שטאַנד — די שרפה איינצולעשן.

„געזעגענונג״

עס פירן די באַנען פון פוילן אַוועק —
אונדז, די באַגאַזשן פון וויטיק און שרעק.
און גאָרנישט טוט באַנג, ס׳איז גאָרנישט קיין שאָד.
אַפילו דער טרויער אין בליק איז באַדראָט.
מיט אונדזער באַהעפט צו דער לאַנדשאַפט איז — אוים.
עס פירן די צוגן די בושה אַרוים
צו זיך, די פאַרגוואַלטיקטע, מיט פנימער רויט.
מיר האָבן געליבט, געגלויבט און געבויט,
און די ליבשאַפט פאַרשטעמפּלט אין מי און אין שריפט.
מיר זענען איצט פּעקלעך, פאַרקאַרבאָלט מיט גיפט.

וואַרשע 1957

ייִדיש ליד — צוגעברענטע פעדערן

דער אָדלער האָט אין זיינע פליגל אָפּגעפּילט
דעם ערשטן ווינטל־פרילינגדיקן צאַפּל,
האָט זיין העזה מיט דער שרעק אין געראַנגל זיך צעשפּילט,
און ביזן העכסטן שטראַל אַרויפגעשטאַפּלט.
און וואָס סכּנהדיקער דער תּהום ווינקט אַרויף צעשריגן,
אַלץ לויטערער פליגלט אינעם אַל דער נצחון־בלאָער ניגון.
ביז — אין זיין ליכטיקער פאַרהפקרטקייט זיך צו דער זון דערנענטערט —
ער פאַלט, פון זיינע בענקשאַפטן אַ דורכגעברענטער.
וויגן זיך, איבערן אַל צעהאַנגען, פליגל־פעדערן, צוגעסמאַליעט און טשאַד־פאַררעמטע —
און יעדער פעדער חלומט: פון די איבעריקע שוועסטער זיין וואָס ווייטער, אָפּגעפרעמדטער.

דאָס פידעלע

דאָס פידעלע

אין מיינע טיפן רוישן צווייגן —
ווינטיק־אָנגעצונדענע שטורקאַצן;
די אָדערן געשפּאַנט צו־פּעסט אויף צו שווייגן
און צו לויז אויף צו פּלאַצן;
ווען איך ווער שטום,
וועקט אַ האַנט מיך אומגעריכט. —
אַ פידעלע בין איך,
אַ פידעלע בין איך.

איך וועל זיך נישט באַפרייען שוין אין לעבן
פון שרעק־צעפּלאָשעטע סאָלאָווייען,
און ווילנדיק, צי נישט ווילנדיק —
זייער נגינה מוז איך איבערגעבן
ציטערדיק און שפּילנדיק.
בין איך דאָס שליחל דעם וואַלדס.
מיט פינצטערניש איז מיין נשמה איינגעריסט,
דער פידל־בויגן איז אַ חלף אויף מיין האַלדז.
נישט קיין געזאַנג — בלוט פון האַרץ זיך גיסט —
באַרג־שטראָמיק, שורעוודיק און גיך. —
אַ פידעלע בין איך,
אַ פידעלע בין איך.

די טאָפּאָרן האָבן געצימבלט,
און די זעגן האָבן געפידלט,
און זינגענדיק — געריסן האָבן זיי.

אין האַלדז מיך ווערגט דעם וואַלדס אַ לידל
און דעם וואַלדס רווישנדיקער וויי,
און טריפט אַפּ מיטן בלוטיקן מאָרגן־ליכט.
אַ פידעלע בין איך,
אַ פידעלע בין איך.

אַלע ביימערס גופים
מיר גיבן נישט קיין רו,
זיי שרייען, זיי בעטן און זיי רופן:
— אונדזער פייגלישער געזאַנג ביסטו!
די סטרונעס רייסט דער פידל־שפּילער,
דאָס האַרץ מיינס בלייבט צעלעכערט,
און ווען די סטרונעס שפּילן שטילער,
וויינט דאָס האַרץ ערשט העכער.
און דאָס איז מיין לוין און מיין שטראָף —
פון דיביידע בלוטיקט רויט מיין גוף.
און דאָס איז מיין ליכטיקער און פיינלעכער באַרוף:
כ׳שענק אַפּ מיין געזאַנג און דאָס געוויין איך לאָז פאַר זיך, —
אַ פידעלע בין איך,
אַ פידעלע בין איך.

אַן עלעקטריש לעמפּל

איך גלי, אין זיך פֿאַרשלאָסן, העל און היים —
און צו די נערוון, אָנגעגליט ביז ווייס,
שטראָמען לופטצוגן אָפּפּרישנדיק און בלאָ.
איך שענק ליכט, נאָר קיין אָטעם איז נישטאָ.

ווי ווייט דערגרייכט דורך פֿינצטערניש מיין שיין, ווי ווייט?
איך האָב די מאָס פֿאַרלוירן אין מיין אָפּגעשלאָסענער
פֿאַרפֿאַלנקייט.

אוי, ווי איך וואָלט זיך פֿון מיין דורכזיכטיקער הערמעטישקייט
אַרויסגעבראָכן,
נאָר מיין ערשטער פֿרייער אָטעם וועט אויך זיין דעם טויטס
נצחון.

איך שליידער אין דער אומבאַקאַנטקייט מיין אויסזיכטלאָזן
פֿייער —
און האָב נישט איבער ליכט און פֿינצטערניש קיין דעה.

נאָך אַ מויל

„אויף איין שפּליטערטאָן פון שיינקייט —
טויזנט שפּריצן נישט־פאַרגינערישקייט האַרבע.
די גוטסקייט טוט דער געמיינקייט ווײ״ —
זאָגט דער גלאַט־צינגלדיקער שפּאַרבער
צו זיין בוזעם־פריינד, דעם סאָלאָוויי —
„אַ וווּנדערקינד ביסטו,
דיין אומרו פייניקט און פאַרציטערט מיר
מיין רו,
ווען דיינס אַ צוויטשער־שטאָך טוט אַ ציפּ דאָס בלאָע פּעכערל
פונעם אַל
וואַכן אויף די שטויבעלעך אין אַ בלומען־בעכערל
און ס׳שמעקט פון זייער דופט
דער אויפגעשוידערטער אַלאַרמרוף
פון אַ שטאַרבנדיקן בלעטערפאַל.
טוט דיין שנאָבעלע אַ ריס
אַ פאָדעם־שטראַל
פונעם דרעמלדיקן פליין,
באַצירט זיך דאָס זומער־פייגעלע
די פליגעלעך מיט דער פאַרב פון דיין געוויין.
איין חסרון נאָר —
און ס׳טוט האַרציק באַנג:
וואָס פאַר דיין צויבערלעך געזאַנג
איז דיין פּיסקעלע צו קליין,
ווי פאַר אַ גרויסן בר־מינן —
אַ פויגלס קבר־בערגעלע״.

און דער רויבער טוט אַ פליק
אינעם זינגערס גערגעלע
און עפנט נאָך אַ מויל
פאַר דעם ליד — אין בלוט און גרויל.

אַ פויגל־קאָמענטאַר

אַ פויגל זינגט. מילא — ער איז עוסק אין זיין פאַך,
אַז מען איז פאַרזאָרגט מיט זשערנעלעך, גיט מען אָפּ צו
גאָט אַ שבח.
די נעסט איז גאַנץ, די פליגל שטאַרק, און ס׳האַרץ איז יונג.
אַ פאַרדראָס איז בלויז: דאָס העפטל אָנגעפילט מיט צונג:
אַ לידל וועגן פייגעלעך, וואָס לויזן אויס אַ שטערן,
קאָן פון בושה אַפילו אַ פייגעלע רויט ווי אַ קאָזאַק ווערן.
דאָס לידל ווײַנט צום דרויסן: ס׳האָט מיך אַ בראָך געטראָפן,
דער דיכטער קראַצט פון די האָר אַרויס מיטן פעדערל
די סטראָפן.
כאַפּט עס מיטן עקעלע אַ מיש, אַ בלעטער און אַ לייען,
אַז פון חלשות ס׳גלוסט זיך טאָן אַ וויין.
אַ באַליידיקונג, נאָר צאָלן דאַרף מען פאַרט דערפאַר,
און — קלעפּט אָן צום בלעטל זיין הייסן קאָמענטאַר...

— — —

ס׳איז: אי אַ פירוש, אי באַצאָלטער האָנאָראַר.

אין גאַנג צום שעכטהויז

וווהין טרייבן קצבימלעך דאָס קי̇עלע און דאָס ביקל
צווישן די תבואה־פעלדער אויפגעבליטע?
קיינער טרייבט זיי נישט, אָן אַ צוים און אָן אַ שטריקל,
זיי לויפן צו דער שחיטה.

זוניק איז דער טויטוועג און זוניק איז דער פלאַטער פונעם
שוועלבעלע,
דאָס האַרץ דאָס קי̇עשע זאַרגלאָז איז און פריי.
איר פאַרדריסט בלויז, וואָס איר ליב געראָטן קעלבעלע
העצקעט אָפּ פון איר און פאַרנעמט זיך מיט שקאָצעריי.

נאָר אַ לויב דעם בורא פאַר דעם ליבן הונטס פאַרשטאַנד:
ער קאָן אויך דעם קעלבלס שטיפערייען נישט פאַרטראָגן,
מיט אַ האַווקע ער דעם קעלבעלע דער מוטערס זאָרג דערמאַנט,
און מיט אַ צערטלדיקן ביס ער נעמט עס צו דער מוטער
אונטעריאָגן.

די קו קאָן זיך פון פרייד נישט העמען, און מיט אַ
דערשטיקטן „מו"
זי גיט דעם הונט אַ לויב אינעם נאָמען פונעם בהמה־פאָלק.
ביז אַצינד האָט זי נישט געהאַט קיין געלעגנהייט דערצו:
אָדער זי האָט געגעסן היי, אָדער געוואָרן געמאָלקן.

אַצינד איז זומערצייט, און אויף דער נשמה אַזוי גרינג,
און זי איז איצטער פריי — גיט זי דעם ליבן דאַנק אים איבער.
— קום, ליבינקער, אַהער, כ'וועל דיך באַלעקן מיט דער צונג,
פאַר דיין יושר הינטישן און פאַר דיין בילנדיקער ליבע.

— נישט כּדאי — זאָגט דער הונט — כ'טו די פליכט פאַר
מיין פּרנסה-געבערל,
און יושר איז אַ האַרץ-זאַך, מען דאַרף עס קיינעם נישט
אַנטפּלעקן.
איך טו דאָס פאַר דיין קעלבלס ליבן לונג-און-לעבערל
און פאַר דיין זיסן בלוט, וואָס כ'וועל אין שעכטהויז לעקן.

פערדישע נקמה

„ער פייניקט אונדז, ער ברענט אונטער אונדזערע פּאָדקאָווועס
די ערד" —
שעלטן דעם בעל־עגלה די געבייטשטע און געיאָגטע פערד.

— מיר — זאָגט דער אָגער — מיט זיין „טייטל" ער
פּאַרטייטשט
דעם „ויסעו" אינעם חומש — מיט מיין מאַמעס הויט, די
רימענס פון זיין בייטש.

— און מיר — זאָגט די קאָבילע מיט שוים אויף די ליפּן,
אַ צעקאָכטער —
ער קאָפּעט מיט זיין שטיוול — די הויט פון מיין
אומגעבראַכטער טאָכטער.

מען רייסט זיך פונעם גראָבן „בענטש" און מען מאַכט אָן
אָטעם „פליטה".
מען רייסט זיך פון די לייצעס — הויטן געשונדענע פון
נאָענט־ווייטע.

די נשמות — אינם ריטעם פון דער פייפנדיקער בייטש
צעפּאַכעט.
מען זעט די וועלט דורך ברילן — שווארצע הויטן פון אַ
געשאָכטענער משפחה.

פון אַ שמייסנדיקער אויבערמאַכט באַהערשטע און
— דעראָבערט
לאָזט מען אוים דעם כּעס צום זשלויב מיט שטרוי און האָבער.

פליט מען איבער פּאַטומס, איבער הענגענדיקע תהומען —
און מען יאָגט פון הינטער זיך די ריחות פון פערדישער
נקמה...

הכנסת־אורחים

אַ שושקעניש פאַרן געריכטזאַל, אַ סומאַטאָכע:
דער ערשטער טראָפּן ביטערניש אין דער וואַלדישער משפּחה.
ערשט נעכטן אויסגערופן פאַרברידערונג צווישן חיות,
און נאָ דיר — ווידער אַ קרבן, אַ שעפּסל אויפגעקייעט.
פּרעפּלט בייז דער שופט — דער כמורנער בער:
איין אומרעכט, און אַ וועלט פון רחמים מיר צעשטערט.
ווידער רייסערייען, בלוט און רויב, ווי קיין מאָל גאָרנישט,
און ווידער — אַ צלמל אויף אַלצדינג, וואָס מען טאָר און וואָס מען טאָר נישט.

דער וואָלף, אין געהאַקטע ווּנדן, רייסט פון זיך די פעל:
— אַ פּיצל „שפּאָנדרע" דאָרט, און געמאַכט פון אַן אידעאַל אַ תל.
די מאָרדע טרייסלט זיך, ער לעשט זיך ווי אַ ליכט,
נאָר אַז מען קריגט אַ„פּאָוועסטקע" פון געריכט,
קאָן מען קיין חזיר נישט זיין, נאָר היטן דיסציפּלין,
און מקבל באהבה זיין דעם האַרבן פּסק־דין.
פון דעסטוועגן גלייבט ער אין אַ פּרעס און אין אַ נס,
אַז אין דער לעצטער רגע קאָן אַרויס אַ מאַניפעסט:
דער אַלטער קעניג פונם דזשונגל־לאַנד
מאַכט אַ שטאַרב — און אַמנעסטיע אויף דער האַנט,

און אַ סוף מיט שופטים, מיט אחריות און מיט שטראָפן.
ווי לאַנג דער מאָגן קאָכט, מעג דאַרף געדולדיק האָפן.

— — —

אַ קאָזשעליק פאַרן רחבותדיקן בין־דין־טויער,
און ס׳בלייבט שטיין אויסגעצויגן דער פלינקער טכויר:
— הויכער טריבונאַל!
אייער איידלקייט זאָל זיך פונאַנדערשמעקן איבעראַל
און לייכטן מיט טויזנט טיגערישע אויגן־לעמפּ.
די שאַרף פון גוטסקייט וועט נישט ווערן קיין מאָל
אָפּגעטעמפּט.
די פאַרברידערונג איז, ווי דער מאָגן, מיליאָנען יאָרן אַלט.
נאָר גיט אַ קוק — אַ שרפה איז אויסגעבראָכן אינעם וואַלד.
נאָר אָן בהלה, דאָס איז סתם אַזוי „רעטאָריק" —
אַזוי הייבן אָן אַלע אַדוואָקאַטן מיט משל־מעטאַפאָריק,
היות דאָ שטייט אין קאָן דער כּבוד פון מיין חשובן קליענט,
וואָס האָט בשוגג נעבעך די פאַרברידערונג אַ ביסל
צוגעשענדט,
און דאָס קאָן אויף דער גאַנצער וואַלד־היסטאָריע אָפּרופן
זיך פאַטאַל...
געוואָלט אַ מצווה טאָן — און אַריינגעפאַלן:
ויהי, ס׳איז געווען טיף אין האַלבער נאַכט,
טיר־און־טויער צוגעמאַכט.
פון דער פלוניתטע אַרומגעלעקט ט׳ער שלאָפן לייגן זיך
געקליבן,
און דאָ — אַ שעפּעלע פון דער סטאַדע אַרויסגעבלאָנדזשעט,
צי פאַרטריבן,
מיט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן — אַן אומבאַהאָלפן קינד,

אַז דאָס רחמנות טוט אין דער ברוסט זיך אַ צעצינד
פון דעם „מעע” — דאָס שעפּסלדיקע בענקען.
טראַכט דער וואָלף: דער וואַלד־אָפּגאָט וועט נישט שענקען,
אַז ער וועט נישט טיילן מיטן יתום זיין געלעגער,
און אים באַשירמען פון חיות און פון יעגער.
ער כאַפּט און שטופּט אַריין אים צו זיך אין קאָרידאָרל,
אַז די וווינונג איז צו ענג אַפילו פאַרן וועלפן־פּאָרל.
וואָס זשע? פאַרטרייבן? לייגט זיך גאָרנישט אויפן שכל.
האָט ער אים איינגעדירהט אין זיין פוסטן בייכל.

— — —

בראַוואָ! פאַרשרייב דאָס מעשהלע געני און מיט אַ סדר:
די פובליקע האָט אויפגעפרעסן דעם פאַרטיידיקער פאַר
זיין שיינער רעדע
אין שוץ פון בלוט־פאַרגיסונג
און מיט מאָרדעס גליטשיקע זיך צעטאַנצט.
דער רחמים ליגט מיטן גאָרגל אויפגעריסן
און די מאָראַל — איז אומבאַרירט און גאַנץ.

אינעם אייזקאַסטן

אַ סומאַטאָכע אינעם אייזקאַסטן: גריזאַטע, באַרעדעניש
און קרעכצן.
עס ציטערן פּאַטראָוועס, משקאות און געקעכצן.
זיי פרירן, אַז איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען.
פרוּוון זיי מיט שטעכל־אָנצוהערענישן זיך אָנצוּוואַרעמען.
דער איינציקער, וואָס ביטערט נישט און נעמט דעם צער
פאַר ליב,
איז דער בטלן טעלטשיקער, דער ווייכער קילעריב.
אין די שניי־פונקען זעט ער ווייטע וועלטן אינעם שטערן־אַל:
— דאָס לעבן דאָ איז, משל־סוד, געהיים און נישט רעאַל.
אַ האַנט פאַרשרייבט די שיקזאַלן לויט אַ שטרענגער
בוכהאַלטעריע
און סאָרטירט יעדן טאָפּ אין דער טאָפּאָגראַפיע פון דער
מיסטעריע.
נאָר ס׳לאַכן פונעם שוואַרצן אָבסקוראַנט די צודרינגלעכע
פּאָמידאָרן,
זיי דראָען מיט דער „טשעמנע־מאַסע" און רעוואָלוציאָנערן
צאָרן.
שמייכלט ביטלדיק דער בוטל ווישניאַק צום בייכלדיקן טאָרט:
— אין אַ רעזשים אַ רויטן איז נישטאָ פאַר אונדזער ס׳גאַל
קיין אָרט.
דער „גאַליער" גליוורדיקער איז שטומפּ. ער קומט פון
אַ בהמה־פּוס צו גיין.
ר׳דערמאָנט זיך גראָד זיין לויפעניש נאָך דער „יאַלעווקע"
מלא־חן.

זיין חלום רייסן איבער די ציניקער, די אָפּגעשיילטע אייער.
זיי טוט סתם אַ הנאה אַרויפצושפּייען אויף געפרוירענע
אידייען.
ווייכלייביק, קאַלט און נאַקעט, אָן אַ קאָפּ און אָן אַן עק —
ווייסן זיי: מען קומט פון ערגעץ נישט און מען גייט אין
ערגעץ נישט אַוועק.
— עץ זענט אַפּיקורסים צעלהכעים — שרייען די נזירים,
די געלע דאַרע לאָקשן —
עץ וועט פייגערן אָן ווידוי נאָך היינט צו טאָג שוין.
אָן איי איז אַ גראָב נפש און ווייסט נישט וואָס עס דברט,
מיט אַ געלזוכט-נשמה, ווי אַ לידל אינעם שיפלעדל פון
אַ ייִדישן מחבר.
— נעמט איין אַ שטומעניש, פרעכע געסט איר
אומגעבעטענע! —
זעצט מיט ווייסן שוים די חולי-נופלדיקע סמעטענע.
— ס'אַראַ היימלעכקייט — שמעלצט פון נחת זיך דער
ממזרישער, פעט-אייגלדיקער גראַאַש —
אַ האַלאַטע, זיי ליגן אינעם קעלער און איך — אויפן
אייבערשטן עטאַזש.
— אָרעמקייט איז דען אַ שאַנד? — רעדט דער סאַלאַט
פאַרדריסלעך.
— זיי מיינען דאָס נישט ערנסט — לערנען אַ זכות
די גענדזן-פיסלעך.
— חוצפה! — פרייכט הייזעריק דער סיפאָן, ער שפריצט
מיט בליצן.
אָט וועט ער זיי דאָ דאָס גאַנצע ראַמשלוואַרג מיט זיין
„שיקעווקע" אָפּשפריצן.
— קוקץ נאָר אָן דעם שפריצער, קרומנאַזיקער
פאַנפאַטש-רבי —
רעדט דער גלאַנציק-וואָנסעדיקער קאַלטער לונג-און-לעבער.

דער כריין וויל עפּעס זאָגן, נאָר דער „פּיסק" איז מיט
א לייש-פּאַפּירל צוגעשטאָפּט.

ער טוליעט זיך צום סענדוויטש, ווען ס'גייט מיט דער
פּוטער אַראָפּ.

דער קאַרפּ מאַכט אַ שוויג. ער פרייכט אין דער
פּישיויך-מקווה, מעשה אויפגעקומענער גביר,

נאָר ווען דאָס סאַרדינעלע טוט גוט-ברודעריש זיין פּלייצעלע
אַ ריר,

טוט אַ ברי די גאווה לעבעדיק און פריש:

— נאַ דיר אַ צוטשעפּעניש, אויכעט מיר אַ פּיש...

אַ שפּאַנדרע גריסט דעם ביליק: סקאַצל-קומט, ביילקעניו,
פריד זשע דיר.

דער פרידזשעדער זאָל לויפן בעטן אויף אַלע פיר,

אין זכות פונעם צדיק אינם שופּן-פּעלץ, מורנו ר' קאַרפּ,
אַז דעם באַלעבאַסטעלעם מעגעלע זאָל, חלילה, נישט כאַפּן
קיין פאַרדאַרב,

און זי זאָל מיט חסד זיך דערבאַרעמען,

אַז פאַרן עסן זאָל זי אונדז אַ ביסל אונטערוואַרעמען —

פאַרן סערווירן אונדזער ווילגעבוירן אויפן טעלער —

אַ ברכה אויף איר קעפּל, אָמן סלה.

דיאָגענעס און זיין צעבראָכן פעסל

אַוודאי איז פון דער זון נישטאָ קיין ליכטיקערס און שענערס,
פון פאַס אַרוים קוויקט זיך מיט איר דער פילאָזאָף דיאָגענעס.
נאָר ערגער איז, ווען ווינט יאָגן אָן די שוואַרצע כמאַרעס
און עסן איין זיך אין די ביינער, אין די ברעטלעך,
אין די שפּאַרעס.
די שפּיזלדיקע טראָפּנס רעגן לויפן אָן געדיכט
און דרינגען דורך, און קושן אים דעם געלן קלוגן פּליך.
איז ער דאָך פילאָזאָף — וועט ער דען שרייען, אַז ס׳איז
קאַלט ?
נו, וואַרפט ער זיך אין פיבער, ביז דאָס פעסעלע צעפאַלט.
און אַז ער זעט, אַז עס וועט אים העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס,
נעמט ער צונויף די בעבעכעס צעפּאָרענע און קראַנקע,
טראָגט אַוועק דאָס פעסל דאָס צעניזוקטע צום בעדנער.
דער מייסטער מעסט אים אָפּ מיט אייגלעך — כיטרעטשקע
און זשעדנע.
ער קלאַפּט אין טינדל מיט די פיס אַטלעטישע און קרעפּקע,
און שטעלט פעסט אַ קלייניקייט : אַז אים, דעם אַלטן,
פעלט אַ קלעפּקע.

אַ ווינצלער אַ רוצח

האַזינו, פאַרנעמט אַ משל־מעשהלע, אַ חידוש;
פון אַ וואָלף, וואָס ווינצלט זיך אויף ייִדיש.
ס׳וויניק אים די פעט־פאַרשלונגענע „בויך־סברות״,
איז ער נאָך אַ ווערטל־זאָגער צו די צרות.
נאָך אַכט און נײַנציק שאָף, אין פּיסק פאַרשיבט,
האָט ער לסוף דווקא אין אַ צאַרט שעפעלע זיך פאַרליבט.
פרעגט די ווייסע לעמעשקע מיט אויגן רויט
און מיט תמימות אינעם יושר אָנפאַרטרויט;
— צי בין איך באמת דײַן שאַץ און גאָלד?
צי האָט זיך דיר סתם אַזוי אַ פלירטעלע פאַרוואָלט?
— גלייבסט נישט? געטין דו, מײַן האַרצנס ניגון!
קוק, קאָן אַזאַ מאָרדע זאָגן ליגן?
מײַן נײַן און נײַנציקסטע! ביסט וווּנדערשײַן! —
און אויסגעקושט ער האָט זי מיט די צײַן.

די קראַנקע בת־מלכה

מיטן יידישן לשון איז מיר טרויעריק און פריילעך.
עס מוטיקט מיך און כ'וועד פון זיין תאווה אויפגעפרעסן.
זינג איך מיר אַ לידל פון אַ טרויעריקן מלך
און פון זיין בת־יחידה, דער שיינער פרינצעסין.

פון די מיידלעך אין הויף, אין באַל־זאַל, אין קיך
שפּראַצט מיט גבורה, מיט לוסט און מיט פרייד.
נאָר די שיינע בת־מלכּה גייט אוים ווי אַ ליכט,
זי איז חרוב, פאַרביי פון שלאַפלאָזיקייט.

די מדינה איז גרויס, נאָר די וועלט איז ענג.
דעם טאַטן אויפן טראָן איז גישט ניחא דאָס לעבן.
ער וואָלט זיין קינד פאַר אַ כּלה דעם רעטער געשענקט
און אַ האַלבע מלוכה געגעבן.

די הויפלייט איילן מיטן קייסערס געוויין,
און מיט די אָפענע אויגן פון דער בלייכער בת־מלכּה.
פאַרבלאָנדזשען אין וועג זיי אין מיין כוטאָרל קליין
און שלאָגן אָן די קעפּ אין מיין באַלקן.

אַ שטיין וואָלט אַוודאי צעשוווּמען פון טרערן,
ווען איך וואָלט געקאָנט זי פון סכּנה דערלייזן.
מיט אַ שטיקל פון אויג כ'גיב אָנצוגעהערן,
אַז, יאָ, כ'וואָלט געקאָנט דאָס וווּנדער באַווייזן.

מיט דער הילף פון באַשעפער, פאַרשטייט זיך,
ער איז אונדזער שטראָפער, פאָטער און רופא. —
און תוך־כדי־דיבור, אַ פאַרוואָרף אויף אַ פלייצע
זיי טוען מיך ווי אַ שאָף און — אַנטלויפן.

איך דריגע מיט די פיס אין דער לופט פאַר פאַרדראָס:
מיט מיין נאַרישער צונג האָט דער רוח זיך צערעדט.
און ראַפּטעם, איך זע זיך אינעם גילדענעם שלאָס —
אַ געבונדענער, ביי דער שלאָפלאָזער פרינצעסינס בעט.

— קראַפּיר דאָ אַוועק פון ליבשאַפט און חידוש!
צעשרייט זיך דאָס האַרץ פון עלנטקייט אָפן.
און ביים ערשטן פסוקל פון מיין לידל אויף יידיש,
זי ווערט, ווי אַ קעצעלע, מילד אַנטשלאָפן.

האָט מיך דערפאַר דער מאָנאַרך גרויסמוטיק באַלוינט —
פאַר זיין בת־יחידה איז גאָרנישט צו קאַרג אים —
אין פנים מיר געשליידערט זיין גילדענע קרוין
און מיך שיר נישט דערהרגעט.

אַ פלי־לעקציע

דאָס שוועלבעלע, נאָר וואָס אויסגעפּיקט פון דער אייִשאָל,
ציטערט אויפן גאַנצן לייבעלע און יאָמערט אויפן קול.

פון אַ שוועלבעלעס געבוירן וואַכן אַלע פייגל אויף,
און אַלע צו דער קימפּעטאָרין מיט צוויטשערדיקן „מזל־טוב".

אין מיטן פון די ווינטשעוואַניעס די מוטער טוט אַ קוק —
איר אוצרל קריכט אין דער שאָל אַריין צוריק.

אַן אַנגעכמורעטע, פאַר ליבשאַפט, כעס און צער —
זי שמייסט עס מיט אַ פליגל שטרענג דערפאַר.

— דו האָסט, שקאָץ איינער, פאַרגעסן, אַז ביסט פינף מינוט
שוין אַלט,
און ווילסט פאַרשווארצן מיר דאָס פּנים פאַרן וואַלד.

—— שלאָג נישט — זאָגט דאָס שוועלבעלע —
נישט צו שרעקן
איז אַ מאַמעס פליגל, נאָר קינדער צוצודעקן.

וואָסער זינד איז דאָס? אין דער אייִשאָל איז דאָך וואַרעם,
און די קעלט אַרום איז שטעכעדיק און אומדערבאַרעמט.

— ביסט אַ נאַר — זאָגט די מוטער — קעלט ז'אַ מתּנה —
נישט פאַר יעדערן.
פון קעלט, יונג־שוועלבלדיקע פליגל זיך באַפעדערן.

וואָס האַרבער און בייזער אומרחמימדיק זי שינדט און זי
שמייסט דיך,
די נשמה גרינגער ווערט און די פליגל — דרייסטער.

די ציטערניש אין לייב לייטערט און דערהויבט,
און, חלילה, צו ווערן פון אָט דער ציטערניש באַרויבט.

די ענגשאַפט טרייבט אַרויס אונדז פון דער וואַרעמער שאָל.
די פריי באַפליגלט אונדז פאַר באַרג און טאָל.

דער האָן אין שויפענצטער

אויסגעצירט ס׳געוועלב איז מיט געשאָכטענעם געפליגל,
פאַרקנסטע צו די זשאַווערדיקע האַקנס.
דער קצב זיך אין זיינע אונטערטאַנער שפיגלט,
און ס׳ברענט פון שמחה דער בלאָ-גלאַנצנדיקער נאַקן.
טצינד — איין קליינקייט בלויז פעלט:
קונימלעך מיט געלט!
דאָ טוט אַ שפרונג אין שויפענצטער דער האָן,
אַ באַגייסטערטער און פול מיט פרייד,
און קרייט:
— קוקעריקו!
אַ גוט-מאָרגן אייך, מיינע ליבע קויפערלעך!
קומט אַהער נאָך געשמאַקע עופהלעך.
זיי האָבן, נעבעך, נישט קיין רו;
גיט זיי אין די בראָט-פענדלעך אַ תיקון,
זיי חלשן, איר זאָלט זיי טרייבערן און פליקן,
און זיי האַקן אויף קאָטלעטן.
דעריבער — קומט און לאָזט אייך לאַנג נישט בעטן.
אַלע מעלות ווערן דורך מיין „קראָפּ״ אַרויסגעשריגן.
הערט זיך צו צו מיין רעקלאַמעדיקן ניגון,
אַז כ׳בין דער גרעסטער זינגער צווישן אַלע הענדלעך —
דאָס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך;
פון לידל מיינעם קוועלט דאָך אָן דער סאַמע באַלעבאָס.
און אָט לויפט צו אַ קונהטע
און טוט אים אין די פעדערלעך אַ בלאָז,
און לעקט אַרום די ליפעלעך די סלינע.
— אַפנים איר געפעלט מיין זיסער קול-נגינה?

— ס'אַ פּראַגע!
דיין געזאַנג? אויכעט מיר אַ וואַזשנע דאגה!
מער פון אַלץ
געפעלט מיר דיין גאָלד-העמדעלע פון שמאַלץ,
און דאָס פריש-צאַפּלדיקע פליישל.
זי טוט אַ כאַפּ דעם אייפּעדיקן, ריטשענדיקן קנעכט,
און מיט אַ מעסערל דער קצב טוט אים אָפּ זיין רעכט,
און שליידערט אים אריין אין קונהס קיישל.

דער הירש און דער יאַגדהונט

דער יעגער־הונט טענצלט אַרום זיין האַר
מיט אַן עק אַ דרייענדיקן און מיט אַ בילעריי,
אין געשפּאַנטע האַלבקרייזן ער איילט צו די וואַלד־באַוווינער,
אין גאַנצן איין קלומפּ צעיושעטער פאַרלאַנג,
צו פאָלגן זיין באַפעלער מיטן רויטן קאַרק אַ גאַנג,
אַליין אַ קינד פון וואַלד — דעם וואַלדס פאַררעטער
און אַ שונא.

די טראָפּנס טוי אויף ביימער —
אויגן אין שפּיזלדיקן גליִען;
אויף די הערנער־צווייגן פונעם הירש
פרילינגדיקע טויט־סכּנות בליִען,
די הערנערדיקע אָפּצווייג־קנופּן —
קנאָספּעלעך געעפנטע מיט אימה
פונעם טויטס בילנדיקן אָנקום. —
בלויז אַ וואַלד־חיה באַווייזן קאָן דאָס וווּנדער —
צו צעברעכן אויף מיליאָנישע חלקים,
ווי שערבעלעך, די לעצטע טויט־סעקונדע.

דער וואַלד פאַרכליניעט זיך
פונעם דראָענדיקן שאַל פון האָרן,
די בלימעלעך דופטן אויס פון זיך
דעם ריח פון בלוט אויסגעגאָסענעם.
דער פרייער וואַלד ווערט פון הינטישן געביל,
ווי אין זשאַווערדיקע קייטן־רינגען, —
אַ פאַרקלאַמערטער, פאַרשלאָסענער.

אַ דין־תורה ביי מילבן

דער מילב האָט דורכגעגריזשעט אַ קאַנאַל־קאָרידאָר
און זיך אַ הויז געבויט אין די בלעטער פונעם „יורה־דעה".
די פּראַצע האָט אַ קוואַרטל מיט ח"י־מעסלעסן אָפּגעדויערט,
נאָר אַז ס'איז נישט באַשערט מיט דער נחלה זיך צו פרייען —

האָט משיג־גבול געווען אים אַ צווייטער קאָרידאָרן־בויער,
אַווילדער ספּריט, אַ מומחה איבערן מילבנלאַנד;
דעם וועג צו זיין כאַלופּע אויסגעענדיקט מיט אַ טונעלן־טויער
פון סיום־בלאַט אַרויף, און אַקוראַט צום ערשטנס
קאָרידאָרן־וואַנט.

האָבן די בעלי־דין דיביידע זיך רוגזהדיק צעבויקערט
און זיך פאַרפאַרן אין די ריפּן מיט די ציין.
און ווי ס'טרעפט געוויינלעך ביי ענלעכע מחלוקת —
האָבן זיי זיך געווינטשעוועט: מיטן קאָפּ אין דר'ערד אריין.

דער ערשטער, ראובן, טענהט: איך האָב אָנגעהויבן
גראָבן פריִער,
שמעון לאַדעוועט אין אים אַריין וואָס אין דער קאָרט.
ראובן שרייט: דו שליסל־ברעכער פון אַ פרעמדער טיר!
און שמעון שמייכלט — ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געזאָגט
קיין וואָר וואָרט.

היות אַלע אָנהייבן מוזן זיך אויסלאָזן מיט אַ סוף —
האָבן אַ קריגס־הפסקה אָפּגעשלאָסן די צדדים ביידע.
אָנגעדראָדלטע זענען זיי אַוועק צום מורה־מורינו־מילבן־רב
און מיט יראת־הכבוד אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון חדר.

ביי דער מזוזה האָט באַגריסט זיי די רביצין„ די מילביכע
די פרומע,
זיי שטאַרק איבערגעבעטן: באשר, דער רב איז אויסטערליש
פאַרנומען —
ער שוועבט אַצינדער אין עולמות-עליונים פון קבלה.
ער פאָכעט מיט דער נשמה, און דער שמש פאָכעט איבער
אים מיט דער אַטלעסענער פאָלע.

און אויב זיי האָבן ווייט אַהיימצוגיין, איז קאָנען זיי
דערוויל אינעם אַלקער אַריינגיין אויף איינגעמאַכץ מיט טיי.
— דער אַלטער — איז זי זיך מתנצל — האָט געשווירן,
אַז אין גיכן
וועט ער מערטשעם מיט אַ שופר אַקעגנגיין משיחן —
די צדיקות האָט אַזוי לאַנג אין זיי די ניין מאָס רייד
אַריינגערעדט,
ביז דער שמש האָט זיי אין בית-דין-שטוב געטאָן אַ פאַרבעט.

די בעלי-דין האָבן זיך געקאָכט, אַז ס'איז פשוט שווער געווען
צו הערן,
דער דיין האָט געהערט און געמוחט זיך, געקנייטשט
דעם שטערן.
לבסוף האָט ער געפּרוּווט מיט אַ מילדער שטים אַ ווייכער:
— עס וואָלט גאָרנישט קרום געווען אַ „פשר", דהיינו —
זיך אויסצוגלייכן.
זאָל השם יתברך פון מחלוקת אונדז אויסהיטן,
חוץ לזה, דורכצוגריזשען זיך צו הילכת טוען וניטען —
איז דאָס אפשר אויף צוואַנציק בלעטער ווייט און לאַנג
און די ציינער — עט, און בכלל, כ'בין, לא עליכם, קראַנק.

מען קאָן אַ מאָל דאַרפֿן אַ שאלות־תשובות צום מהרש״ל
פון קעלץ,
און דער וועד הרבנים קומט זיך צענויף אינעם ביבער־פעלץ
אין דער שכינותדיקער קליידערשאַנק —
קאָן דער ענין זיך פאַרשלעפּן ביז אין דער לאַנגער באַנק. —

דער רב האָט אַ שטיק הארץ געפּטרט. און זיי?
גיי רעד צום פּאַראַיאַריקן שניי.
— רבי־לעבן — שרייען זיי — לייג אָוועק אויף אַ טאָג
דיין קבלה,
אויב דו ווילסט נישט אַ „ויהי־נועם״ אין אַן עגלה...
האָט ער שוין געזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן,
האָט ער אויפֿן שפּרונג אָנגעשריבן אַ צוואה:
היות, ער לאָזט זיך אין מרחקים אויף קידוש־השם,
איז זאָל קהל נישט פאַרגעסן אין אים,
ווייל דער וועג צו דער טיפעניש פון תורה איז געפּלאַסטערט
מיט סכּנה,
און זיי זאָלן נישט לאָזן פאַלן זיין יונגע אַלמנה.

האָט דער דיין געגריזשעט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט,
אַ העלפּט וועג צום מהרש״ל דערגרייכט שוין כּמעט.
און פּלוצלינג — נישט אַהין נישט אַהער,
אַ מכשול זיך אָוועקגעלייגט אין דער קווער —
אַ האָר,
אַ זילבערנע האָר, קדוש וטהור,
וואָס דער אַלטער מלמד האָט פון זיין באָרד
אַרויסגעפּליקט, און אין ספר באַהאַלטן אויפֿן הייליקן אָרט.
איז וואָס וועט דאָ העלפֿן דער מילבישער דיין?
צוליב אַ זילבערנער האָר די נשמה אויסשפּייען?
קומט ער צוריק פון דער נסיעה דער שווערער
און בענטשט גומל מיט פרייד און מיט טרערן.

צווישן מנחה און מעריב, קדושה און „ברכו״,
קהל שטעלט אונטער אַן אויער, וויל הערכן.
מיט אויגן צעפלאַמט
דער רבי קומט צוריק פון „מדינת־הים״ —
וועט זיין וואָס צו הערן.
ווי למשל: ערגעץ אין אַ ווייטער מדינה
האָט אַ מילב דערפינדן אַ וווּנדער־מאַשינע,
וואָס גראָבט דורך אַ יובל אַ גאַס —
דורך אַ לעדערנעם טאָוול פון ש״ס.

ווען דער מרא־דאתרא נעמט דערציילן פון א׳ ביז ת׳
האָבן זיי זיך אַנטווישטע געבייזערט, געשטראָפט,
און חוזק געטריבן פון שלימזל דעם אַלטן:
— אַ דיין, אומשטיינס געזאָגט! קאָן קיין האָר נישט שפּאַלטן.

זיי האָבן דערפאַר אים אָפּגעזאָגט דעם חודש־עטאַט,
און אין איינעם מיט דער רביצין פאַרטריבן אויף נע־ונד,
און נישט נאָר האָבן די בעלי־דין
אים קיין גראָשן פּסק־געלט נישט געגעבן —
נאָר אים מקצר געווען דאָס לעבן.
און נישט נאָר דן געווען אים אויף מי און מאַטער —
נאָר פון זיין בית־דין־שטוב געמאַכט אַ טעאַטער.

דער בעל־זבוב

די פּריסטער רייסן זיך די גאָרגלען און וועקן צו חרטה
פונעם שלאָף,

די פאַרשפּאַרטע אין טאָרטורן־קעלערס, שוואַך־גלויביקע
פאַריאושטע שאָף,

זיי דאַרפן נאָך, פאַרן אויפגאַנג פונעם מאָרגן־שטערן,

אָפּזאָגן ווידוי, איידער זיי וועלן אויסגעלייטערטע
אויפגעפרעסן ווערן.

די טעמפּל־דינער ברעכן זיי די ביין־געלענקען און האַקן
אויס די ציין,

איידער זיי ווערן אַריינגעשליידערט אינעם געצס פייערדיקן
פיסק אריין.

נאָר אַ רגע פריִער מוזן זיי זיך מתוודה זיין אויף חטאים
נישט באַגאַנגענע,

אייגענע און פרעמדע, דערנאָך מאַרשירן מיט פּנימער
פאַרהאַנגענע

און אַרויפשפּאַנען מיט ווערדע־שפּאַט צום פּאָסטומענט
אויף הונדערט שטיגן.

דאָרט ווערן זיי אויסגעטאָן נאַקעט און פייערלעך
אַרומגעשפּיגן.

אַ באַצירטער טריִומף־וואָגן אונטער אַן ערנוואַך פירט זיי
צום שטיינערנעם אָבעליסק,

און פון גילדענע הייגאָפּלען זיי פליִען אין גן־עדן — דורך
אַ פייערדיקן פיסק.

און פאַר דעם חסד, וואָס די טאַטעס פיבערן די לעצטע
אַנגסטן אויס פון גוף —

קניִען זייערע קינדער אין ווייסע שערצעלעך און לויבן דעם
דערבאַרעמדיקן בעל־זבוב.

דער פּרינץ און די בת־מלכּה

איז געווען אַ פּרינצעלע אַ קליינער
האָבן אים אַרומגערינגלט וואַכן,
און ווען די בת־מלכּה בלויז פּלעגט וויינען,
דעמאָלט ערשט האָט ער באַוויליקט לאַכן.

האָט ער צווישן וואָך־יונגען צעטיילט —
יעדערן אַ קינדזשאַל און אַ פאַלקע,
אַז זיי זאָלן שלאָגן ביז צום טויט
די בלייכע אויסגעפּיעשטשעטע בת־מלכּה.

האָבן זיי זי ביז צום טויט געשלאָגן,
און אויף שיינענדיקער גאָלדענער טאַץ
האָבן זיי דאָס בלוט אירס צוגעטראָגן
דעם קליינעם פּרינץ אין זיין מאַרמאָר־פּאַלאַץ.

האָט ער דאָס בלוט געזויפן און געשיכּורט
איבער אַ טאָג און שפּעטער איבער אַ נאַכט,
ביז ער האָט משוגע־ווילד און גליקלעך
אויף אַלע שפּיל־זאַלן זיך צעלאַכט.

האָבן זיך דערשראָקן זיינע וועכטער,
און אין גאַנצן לאַנד געווען איז רויט,
און דער פּרינץ — אין מיטן פון געלעכטער —
האָט פאַרקייכט זיך ביז צום טויט.

דאָס בלימעלע און דער טראָפּן רעגן

צווישן שטיינער דאָס בלימעלע פאַרצערט
האָט אין דורשט נאָך קוואַליקייט געבענקט.
האָט דאָס כמאַרע־ווינטעלע דערהערט
און אַ רעגן־טראָפּן עס געשענקט.

נאָר דער טראָפּן האָט געטאָן אַ פאַל
אויפן בלעטלס דינעם ראַנד דעם שאַרפן —
אַזאַ ליכטיק טראָפּנדל — אַ שטראַל.
האָט דאָס בלימעלע זיך אַזש גענומען וואַרפן.

דער רעגן־טראָפּן, אַן אויפגעקאָכטער, ציטערט
און ברעכט אויס מיט שטוינונג אַ צעשריגענער :
— געדענק ! איך וועל אַראָפּפאַלן פון דיין ציטער —
דו פלאַטער־קעפל, דו פאַרביקע, משוגענע.

דאָס בלימעלע מיט צאַרטע בלעטעלעך פון זייד
ענטפערט פון באַגייסטערונג אַ פאַרטרערטע :
— דאָס ציטערט דאָך אין מיר די פרייד, —
מיין ליכטיקער אויסגעחלומטער באַשערטער.

צווײ בלעטעלעך

בייגט זיך דאָס גרינע בלעטעלע אַריבער
צום בלעטעלע אָנגעקליידט אין גאָלד:
— איך בין דיך מקנא, שוועסטערל מיין ליבע,
זוניק זיין, ווי דו, כ׳וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט.
— איז דיר מיאוס, נאַרעלע, די לעבעדיקע פאַרב
פון דיין זיידענער פרילינגדיקער פעלערינע?
דו ביסט מקנא מיך דערמיט, וואָס כ׳שטאַרב?
און קאָנסט דאָס גרויסע „גליק" מיר נישט פאַרגינען?
דאָס זונען־גאָלד קומט פון עקעלע, וואָס טריקנט,
און נישט פון פרילינג־זון אויף זיך צו פרייען.
נישט לאַנג, און ס׳וועט דער האַרבסט־ווינט מיך אָפּפליקן
און פּראַווען מיר אַ היימלעכע לוויה.
— טאָ וואָס זשע איז דאָס טאַנצן און דאָס פלאַטערן?
— נישט פון פרייד, שוועסטער, — פון שרעק,
די האַרבסט־ווינטן מאַטערן
און פליקן מיך פון צווייג אַוועק.
איך ציטער — ס׳זאָל דער ווינט מיין שוידער נישט
דערהערן.
איך ציטער — כ׳זאָל נישט אויסגעפליקט און פאַרשליידערט
ווערן.

צוויי צווייגן

עס סודען זיך די צווייגן קנאַכנדיקע צוויי,
אוןביידע זענען אָנגעטאָן אין שפּענצערלעך פון שניי.
איין צווייג יאָמערט מיט אָנקלאַנגיקן געוויין:
— דער בייזער פראָסט נעמט דורך מיך ביזןביין.
— און מיך — עס זאָגט די צווייטע צווייג —
דער פראָסט הייבט גאָרנישט אָן צו אָרן.
איך וואָלט פון זיך דאָס פּעלצל שנייִק-ווייס
אַראָפּגעוואָרפן. ס׳איז מיר היים.

נאָר שפּעטער, ווען דער פרילינג איז געקומען,
האָט די צווייג צעווייטיקטע באַשאָטן זיך מיט בלומען.
נאָר די צווייג, די צווייטע,
איז געבליבן הוילער נאָך ווי פריִער.
ווינד איז איר און ווי —
אָן בלִיעכץ און אָן פּעלעכל פון שניי.
זי ברעכט אויס אין אַ געשריי,
אַז ס׳ציטערט אויף דער גאַנצער וואַלד:
— ס׳איז מיר קאַלט.
געוואַלד, ס׳איז מיר קאַלט!
ס׳איז ווינטער מיר געווען אַזוי ווויל.
— דו ביסט פאַרפוילט! —
רופט זיך אָפּ די צווייג מיט בלי אָן אָנגעשיטער. —
אויב דיר געווען איז וואַרעם,
ווען מיך דער פראָסט האָט שאַרף געשניטן,
און קאַלט איז דיר גראָד ווען עס בלִיען בלומען —
איז דאָס פאַר דיר אַ טרויעריקער סימן.

דער גערטנער און די מאַלפּע

ווי באַקאַנט —
בליִעןביימער אונטערן גערטנערס האַנט.
די גאַנצע ליבשאַפט, וואָס ער האָט, —
ער שענקט אַוועק זיין בליִענדיקן סאָד,
ווי אַ פאָטער אַזוי געטריי.
פון זיין אויג ווערט קיין איין ווילדגראָז,
קיין איין בוים־פרעסערישע לישיי
נישט אויסגעמיטן:
ער אָפּפערט פאַר זיינע ליבלינגען
דאָס לעבן זיינס דאָס גאַנצע. — —
צום פאַרמערן האָט ער פון העכסטן עפּלבוים
אַ צווייג אָראָפּגעשניטן —
דערנעבן צו פאַרפלאַנצן.
דער עפּלבוים — דער פאָטער —
געוועזן איז דער העכסטער און דער שענסטער.
אין זיין קרוין זענען געוואַקסן די שענסטע און געזונטסטע עפּל
זיין מעזינקע איז געווען די צאַרטסטע און די קלענסטע,
אַ ציטערדיקס, מיט בלעטעלעך אין קעפּל.
דאָס יונגע ביימל וואַקסט קיין עין הרע,
דער טאַטע־בוים איז גרויס,
פון קעלט און ווינט פאַרשטעלט ער;
דער גערטנער האָדעוועט אים אַ פּאַדפּאָרע,
דעם הויכן פאָטער אַ נחת אויף דער עלטער,
און בלויז דאָס מאַלפּעלע איז אייפערזיכטיק:
איר פאַרדריסט

די ליבשאַפט צום דינעם דאָרן כניאָקל —
מען דאַרף דאָס שעלמעלע דערמאָנען ווער דאָס איז,
איך צעברעך דאָך דאָס מיטן מינדסטן שאָקל, —
אַזוי ליב צו האָבן אַ גאָרנישטל אַ ריטל?
הימל עפן זיך!
ס'איז צו נישטיק אַפילו פאַר מיין ביטול,
מיט אַ פויער קאָן אַזוינס נאָר טרעפן זיך.
איך וועל שוין אָנלערנען דאָס קליינע שקאָצל
צו זיין באַשיידן, שטיל און אָרטיק:
איך וועל צעברעכן דאָס חוצפהדיקע שפּראָצל —
און פאַרטיק.

דער הויכער בוים הערט דעם מאַלפּישן געשפּרעך:
אַ ווערטעלע, זיין טעכטערל איז אַ פּראָסטע רוט נאָר.
ער פילט באַשיימפּערלעך, אַז ס'האַלט שלעכט,
און ס'ווערט אים אויפן האַרצן קאַלעמוטנע.
דאָ איז נישט קיין איינזעעניש און קיין געגנאָד,
ס'איז נישט קיין שפּילעכל מיט מאַלפּישע קאַפּריזן, —
דער גאַנצער סאָד קלינגט שוין מיט דעם סוד:
זי האָט מיט יונגע ביימעלעך נישט איין מאָל
אַזעלכע משוגעתן שוין באַוויזן.
דעם הויכן טאַטן נעמט אַרום אַ כעס
צו דעם צעשטערערישן שוטה,
ער האַלט אָפּ אַ קורצן ישוב הדעת
מיט זיינע עפּל די האַרטלעכע און רויטע.

אַ צופרידענע די מאַלפּע קראַצט זיך פון הנאה:
זי וועט בקרוב דעם גערטנערס ליבלינג זיין.
ביים ביימעלע צופיסנס זי לענט אָן
דעם עק געקרייזלטן אויף אַ פלאַכן שטיין.

דער העכסטער עפּל אַ רויטער אַ צעברענטער
רעדט צום בוים מיט ביטערניש און גאַל:
— איך, פאָטער, הענג וויזאַווי דעם עק,
אין סאַמע צענטער,
דערלויב, איך וועל פאַר דער טרחה איר באַצאָלן.
און ווען אַ הייב געטאָן די פאָדער־פיס
האָט דאָס חיהלע בדילי דל —
פונקט דאַן האָט דער האַרטער עפּל זיך געטאָן
פון צווייג אַ ריס
און מיט דער גאַנצער קראַפט
אויפן עק אַראָפּגעפאַלן.
אַ שפּרונג — און מיט דעם געשוואָלענעם און רויטן עק
די מאַלפּע איז מיט שטוינונג און מיט אימה,
שפּרינגענדיק און טאַנצנדיק, אַוועק,
אָן אַנגעלערנטע, נישט טשעפּען זיך צו יונגע עפּלביימער.

דער באָק און דער וואָלף

(לויט הענריק שענקעוויטש)

דער וואָלף האָט דעם באָק באַגריסט און האַרציק אים
געעצהט: — ברודער,
אַ רחמנות נעבעך אויף דיינע צאַרטע שוואַכע גלידער.

כ׳וואָלט גערן דיר געהאָלפן זיך פֿאַרוועלפן — מיט
איין וואָרט:
נאַר, האָסטו שוין געזען אַ ווילדע חיה מיט אַ באָרד?

וואָלסט אומבאַדינגט געדאַרפט די חרפה אָפּצושערן,
און אַ ביסעלע גראָער און באַפעלצטער אויך צו ווערן.

אַ מער בכּבודיק אויסזען די גראָע פעל פֿאַרשאַפט,
און אָפּטערע וויזיטן אין דער וועלפישער געזעלשאַפט.

איך קאָן באַקענען דיך מיט מיינער גאָר אַ נאָענטער קרובה —
ווער אַ וואָלף און ס׳וועט פֿאַרביידע זיין לטובה.

— גרינג צו זאָגן — זאָגט דער באָק און ווייזט די
הערנער-שפּיצן שיינע —
נעמען זיך דעם הויכן יחוס קאָן נישט קיינער.

כ׳זאָל אַפילו וועלפיש וואָיען, ווער וועט מיך דען הערן?
אַ וואָלף, פֿאַרשטייסטו מיך, מוז מען געבוירן ווערן.

מיין זיידע איז געווען אַ באָק, די מאַמע איז געווען אַ ציג,
מיין שוועסטערל האָט געמעקעט ביי מיין וויג.

ניין, נישט צו אַכפּערן דעם וועלפן־שטאָם איך בין געבאָרן —
און מיט די הערנער איז דער באָק אין מערדערס קעל
פאַרפאָרן.

די מאַמע־סאָלאָוויי

די מאַמע־סאָלאָוויי געהערט האָט פון די שכנים אויף די צווייגעלעך,
אַז ערגעץ דאָ בשכנות וווינט אַ רויבער פון קליינע פייגעלעך.
האָט זי די ביימער־קרוין ארומגעצוימט אַנטקעגן די סכנות —
מיט אַ נעץ פון שטראַל־געצוויטשער — אַ וווּנדער־פלעכט פון סטרונעס.
אַ „קעטע" און אַ „שוס", אַ סטרונע־פלויט, אַנטקעגן פיין אַ צאַם,
אַ וואָרענונג פאַר רויבער פון איר זינגעדיקן שטאַם.
נאָר ווען איר עופהל האָט אַ ציפּ געטאָן אַ דרעטעלע — אַ שטראַל,
האָט זיך די נעץ צעריסן, פאַרן הפקר אויפגעפּראַלט.
אויפן קינדער־קעפּל האָט זיך אַ האַנט אַוועקגעלייגט,
און מיטן ציטערל אין איינעם פאַרשלאָסן אין אַ שטייג.
אין שכנות מיט דער נעסט — דער וואָרעם אין אַן עפּל
האָט ווילד געלאַכט, געטרייסלט מיטן קעפּל:
— אַ לויב צו גאָט, וואָס האָט מיך אין אַ פויגל נישט פאַרביטן —
אַ פאָלק, וואָס וויל די קינדער מיט געזאַנג פון טויט פאַרהיטן.
די מוטער האָט מיט פליגל אין די קראַטעלעך געשלאָגן,
אומזיסט, נישטאָ פאַר וועמען זיך אַפילו צו באַקלאָגן.
די קראַטעס זענען האַרטע, פון גרויל־סטרונעלעך געשטאָלט.
ביים ציפּן זיי, זיי קלינגען נישט, זיי חוזקן אָן קול.
— ווי לעבסטו, קינד? די מוטער פרעגט דורך קראַטעלעך פאַרבענקט.
— אוי, מאַמע, גאַרנישט פויגלדיק, די וועלט איז ענג.

דו פרוּוו דיין יעדן טאָן פאַרפּיילן אויף אַ זעגעלע,
טויזנט ציינדלעך אין אַ צוויטשער-קלאַנג פון איין רגעלע,
דערנאָך נעם אַלע צוויטשערן שאַרף-געציינדלטע צונויף
און שנייד מיט זיי די קראַטן אויף.

ווען די מוטער האָט גענומען ציינדלען אירע צוויטשערן
די דינע —
דער וואַלד האָט אויפגעציטערט פון איר מעכטיקער נגינה.
נאָר דער וואָרעם האָט געבויגן פון געלעכטער זיך אין דרייען:
— די מאַמע-פויגל וויל דאָס קינד מיט איר געזאַנג באַפרייען!

אינהאַלט

דאָס געיאָגטע וואָרט

דאָס געיאָגטע וואָרט 7

פלעמלעך אין דער נאַכט 12

פאַרברענטע יינגלעך לערנען שיעור 13

מיין צער — אַ ליכטל פאַר אַ גראָשן 15

אליהו הנביא אין ביאַלע־פשוט 17

מיין האַרץ — אַ געלעכערטע פלייט 21

זכור־ברית 23

די פאַרוויסטע שבת־מלכה 25

די געוויינען פון מיין אָרון־קודש 27

מיין מאַמעס לעצטע תפילה 28

בעטגעוואַנט אויפן גויישן מאַרק 30

פאַראַרעמטע 31

דערמאָנונג 33

די זון — אונדזער פאַרמעגן 34

מיין זיידע 35

מיין פאָטער דער צוקערלעך־מאַכער 36

מיין טאַטע איז מעביר־סדרה 37

אָפּגענאַרטע לערן־יינגלעך 38

אויף נע־ונד 40

ברוקאַרעס פון מיין שטעטל 42

באַלאַדע פון הויכן יצחק יעקב דעם ברוקירער 44

אַ לידל אויף דער גיך 46

אַ פלאָקער־העמד 47

צווישן אומבאַהאָלפענע 48

אונטער מיין ברודערלס וויגעלע 50

די שיל מיינע ברענט 52

האַרבסט־דערמאָנונג 57

ליד — אַ טויט־אורטייל 59

ווער בין איך ? 61

אַ קנס־מאָל 62
בלי און וויאַנונג 75
הינטער דער מוזעס מאַנטל 76
אַ ליד וועגן פוילן 77
ביים אוהל־פּרץ 78
דער ערשטער קלונג (לאָדזשער אררט) 81
בראָדערזאָן, דיכטער פּאַרפייניקטער 84
די כוואַליעס פונעם שטעטלדיקן טייך 86
טייכן־רינגען 89
איוב און זיינע גוטע־פריינד 90
צו דער זון 99
ווידערשיין 100
חלום און וואָר 101
שיכעלעך אין שויפענצטער 102
איבלדיקער סם 103
אַ סקולפּטור אויף כוואַליעס 104
אָפּגעשניטענע לאָקן 105
משה קוסעוויצקי 107
אַ ליד פון אַ מאָל 110
„געזעגענונג" 111
יידיש ליד — צוגעבראַנטע פעדערן 112

דאָס פידעלע

דאָס פידעלע 115
אָן עלעקטריש לעמפּל 117
נאָך אַ מויל 118
אַ פויגל־קאָמענטאַר 120
אין גאַנג צום שעכטהויז 121
פערדישע נקמה 123
הכנסת־אורחים 125
אינעם אייזקאַסטן 128
דיאָגענעס און זיין צעבראָכן פעסל 131
אַ ווילצלער אַ רוצח 132
די קראַנקע בת־מלכה 133
אַ פלי־לעקציע 135
דער האָן אין שויפענצטער 137
דער הירש און דער יאַגדהונט 139
אַ דין־תורה ביי מילבן 140
דער בעל־זבוב 144
דער פרינץ און די בת־מלכה 145

דאָס בלימעלע און דער טראָפּן רעגן 146
צוויי בלעטעלעך 147
צוויי צווייגן 148
דער גערטנער און די מאַלפּע 149
דער באָק און דער וואָלף 152
די מאַמע־סאָלאָוויי 154